STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04587

HIRSHKE GLIK

Mark Meir Dvorzetsky

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Ben & Sarah Torchinsky
in memory of
"Yosl" Mlotek, a good friend and excellent teacher from long ago

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. מ. דוואָרזשעצקי

•

הירשקע גליק

דער מחבר פון
פאַרטיזאַנער־הימן

„זאָג נישט קיינמאָל אַז
דו גייסט דיין לעצטן
וועג״

(מאָנאָגראַפיע)

[illegible]

ב ע ן: הירשלע גליק (צייכענונג)

דר. מ. דווארזשעצקי

הירשקע גליק

דער מחבר פון פארטיזאנער־הימן

„זאג נישט קיינמאל אז דו גייסט דעם לעצטן וועג"

פאַרלאַג „אונדזער קיום"
ביי דער פעדעראַציע פון יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך
און קהילה פון פאַריז

פאַריז, תשכ"ו — 1966

דאָס דאָזיקע בוך, געווידמעט דעם
דיכטער־קדוש און ווי דאָס ערשטע
פונעם פאַרלאַג — דערשיינט מיט
דער הילף פון פריינט א. מיעדניק
און „די גאָלדענע פאַווע".

קאפיטל איינס

הירשקע גליקס יונגע יארן

הירשקע גליק, דער מחבר פון פּאַרטיזאַנער־הימן „זאָג נישט קיינמאָל אַז דו גייסט דיין לעצטן וועג”, איז געווען אַ וווּנדער־אויסשפּראָצונג פון דער ווילנער יידישער אָרעמקייט. צו 13 יאָר שוין געשריבן לידער; צו 16 יאָר — דער דינאַמי־שער חבר פון דער פּאָעטן־גרופּע „יונגוואַלד”; צו 21 יאָר — מחבר פון אומפּאַרגעסלעכן פּאַרטיזאַנער־הימן; צו 22 יאָר — פּאַרענדיקט זיין יונג לעבן אין אַ וואַלד פון עסטאָניע. און זיינע שפּורן זענען אויף אייביק פּאַרשווּונדן.

כ׳האָב געקענט הירשקען פון ווילנע. כ׳האָב אים גע־טראָפן אין געטאָ. מען האָט אונדז דעפּאָרטירט אינעם זעלבן טראַנספּאָרט פון געטאָ־ווילנע — אין די קאַצעטן פון עסטאָ־ניע. כ׳האָב זיך מיט אים באַגעגנט. כ׳האָב מיט אים גערעדט אין דער לעצטער שעה פאַר זיין לויפן פונעם עסטישן לאַגער גאָלדפילץ — אינעם אומבאַקאַנטן וואַלד. כ׳האָב אים געזען אַ שעה פאַר זיין גיין דעם לעצטן וועג.

וויל איך דאָ איבערגעבן אַלץ וואָס מיר איז באַקאַנט וועגן אים, סיי פון שמועסן מיט אים גופא, סיי פון פאַרשידענע פּאַרעפנטלעכונגען [1], סיי פון שמועסן מיט קאַצעטלער פון עסטלאַנד, וואָס האָבן מיט אים צוזאַמען דורכגעמאַכט די לאַ־גערן. די אַלע פּרטים האָב איך קאָנפראָנטירט און פאַרגליכן

אַלע הערות, אויפקלערונגען — ביים סוף פון טעקסט

מיט זיינע קוזינען, דעם באַקאַנטן יידישן דיכטער פּרץ מי־ראַנסקי (וואָס וווינט איצט אין קאַנאַדע) און אידאַ פּופּקאַ, וואָס האָט דורכגעמאַכט געטאָ־ווילנע און קאַצעטן (און לעבט איצט אין ישראל [2].

איך האָב זיי אויך פאַרגליכן מיט די פּרטים געבראַכט געוואָרן אין דעם בריוו צו מיר, פון זיין גליד־שוועסטערקינד משה גורין (חולון, 9־טן מערץ 1966), ווי אויך מיט זיין אַר־טיקל וועגן הירשקע גליק („יידישע קולטור", נר. 2, 1954, ניו־יאָרק). משה גורין (גורוויטש), האָט געהערט צו דער ווילנער דיכטער־גרופּע „יונגוואַלד"; געווען אין ווילנער געטאָ ביז דער ליקווידאַציע, דעם 23־טן סעפּטעמבער 1943, און דאַן פאַרשיקט געוואָרן אין די לעטישע קאַצעטן; היינט, אַ לערער אין ישראל, פאַרעפנטלעכט לידער אין „גאָלדענע קייט" א. א. אויסגאַבן.

ביאָגראַפישע פּרטים

הירשקע גליק איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע, 1921 [3].
זיינע עלטערן האָבן געהייסן וועלוול (גליק) און רחל וויינער־מאַן [4]. הירשקע גליק האָט געהאַט בלויז איין שוועסטער, חיה גליק [5]. די משפּחה האָט געוווינט אויף קליין־שניפּי־שאָק 118.

ווילקאָמירסקאַ (קליין־שניפּישאָק) איז געווען אַ גאַס, אַ פאַרשטאָט פון ווילנע, אַ גאַס פון עמך־יידן, אַ גאַס פון בעלי־מלאכות, קליינהענדלער און אַרבעטער; אַ גאַס אין וועלכער עס האָט געווירט אַן אימפּעטפול יידיש פאָלקס־לעבן.

פּרץ מיראַנסקי דערציילט אין זיין שמועס מיט מיר:

דאָס איז געווען אַ גאַס, אין וועלכער ס'האָבן געלעבט אַ סך פּאָעטן; אברהם סוצקעווער האָט געוווינט — נומער 14; לייזער וואָלף — נומער 28; באַסין — נומער 29; הירש־קע גליק — נומער 118. איך האָב געוווינט — נומער 135[6].

הירשקעס פּאָטער איז געווען אַ הענדלער מיט „אַלט־וואַרג": אַלטע אייזנס, געניצטע פלעשער און שמאַטעס. פּרץ מיראַנסקי דערציילט: דער פאָטער איז געווען אַ פּליט פון ליטע (וואַרשיינלעך פון יאַנאָווע). „ער איז געווען אַ געוואַל־טיק פרומער, און געוואַלטיק ערלעכער מענטש. איך האָב אים געהאַלטן פאַר אַ למד־וואָווניק"[7].

זיין מוטער איז געווען אַ געבוירענע אין ווילנע, אויף דער זעלבער גאַס, פון קליין־שניפּישאָק. „אַ בעלהביתטע אין דער היים"[8].

וועגן הירשקעס שוועסטער דערציילט פּרץ מיראַנסקי:

„די ליבע צווישןביידע קינדער (הירשקע און חיהלע) איז געווען אַן אומגעהויערע. ס'פלעגט טרעפן אַז הירשקע פלעגט אַוועקגיין אין שטאָט אַריין, פלעגט חיהלע קענען שטיין אַ שעה צייט, אין מיטן גאַס, און אויסקוקן די אויגן, וואַרטנדיק אויפן ברודער"[9].

די משפחה פון גליקס מוטער (דריי ברידער), האָט זיך פאַרנומען מיט מוזיק. זיי זענען געווען זינגערס און „בעלי־מנגנים". וועגן דעם דערציילט פּרץ מיראַנסקי: „איך געדענק, אַז קליינערהייט האָב איך ליב געהאַט צו ליגן אונטער זייערע פענצטער. אַלע האָבן געזונגען און געשפּילט אויף מאַנדאָ־לינעס. שטענדיק איז דאָס הויז פול געווען מיט יידיש געזאַנג און חזנות[10].

ס'איז געווען, הייסט עס, אַ פאָלקסטימלעך יידישע משפּחה: אַ טאַטע, אַן ערלעכער ייד, אַ „למד־וואָווניק"; אַ מאַמע — אַ בעלהביתטע אין דערהיים; אַ שוועסטער וואָס קוקט אויס די אויגן אויפן ברודער; אַ הויז פול מיט יידיש געזאַנג.

הירשקע גליק האָט געלערנט אין אַ ווילנער העברעאי-שער פאָלקס-שול, „אחד-העם" [11], אונטער דער לייטונג פון לערער משה אליצקי [12].

משה גורין דערציילט אין זיין בריוו, אַז פריער איז הירש-קע געווען אַ שילער אין דער העברעאישער פאָלקסשול „בית-ספר עממי ע"ש הד"ר י. אפשטיין". ווירקלעך: משה אליצ-קי, איז לכתחילה געווען דער לייטער פון דער תרבות-שול א. נ. פון דר. עפשטיין, וואָס האָט זיך געפונען אין ווילנע אויף זאוואַלנע-גאַס, אַנטקעגן האַלץ-מאַרק, און שפעטער איז ער געוואָרן דער לייטער פון דער תרבות-שול „אחד-העם"; אין די דאָזיקע שולן זענען געווען לערערס גדליהו בושעל (אומ-געקומען אין לאַגער דאַומערגען), אריה שעפטעל (איצט ראַ-שון לציון), שלמה פאַרבער (איצט חיפה, רעדאַקטאָר פון אַל-קעניקער יזכור-בוך „העיירה בוערת").

ווען הירשקעס קינדער-יאָרן גיט צו איטע פופקאַ:

„איך קען צוגעבן, אַז ער איז געווען אַ שיינער יינגל, זייער אַ באַליבטער. ער איז געווען זייער פעאיק, זיך געלערנט גוט. איך האָב אויך געלערנט אין דער זעלבער שול. דער לע-רער משה אליצקי (זיך געטראָפן מיט אים אין „קיילים") האָט אים פאָרויסגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז זייער פעאיק, און קען גוט שרייבן. ער האָט געוואָלט זייער, ער זאָל ווייטער לערנען. אָבער זייער מצב איז געווען זייער אַ שווערער, האָט ער געמוזט גיין אַרבעטן אין אַ פאַ-פיר-געשעפט, געווען דאָרט אַ פאַרקויפער" [13].

„איך געדענק נאָך איין פרט: צו זיין בר-מצווה האָט ער אַליין אָנגעשריבן די דרשה. מיין פאָטער האָט דאַן וועגן אים געזאָגט, אַז פון אים וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער מענטש. די בר-מצווה איז געווען ביי זיי אין שטוב. די דרשה איז גע-ווען געשריבן אין יידיש (ווי כ'געדענק). איך בין דאָרט גע-ווען, ווי אויך די גאַנצע משפחה" [13].

וועגן הירשקעס יוגנט־יאָרן דערציילט ווייטער פרץ מי־ראנסקי:

„ער האָט זיך גוט געלערנט. און אַז ער האָט געענדיקט, האָבן די לערער פאָרגעשלאָגן, ער זאָל לערנען ווייטער. אָבער צוליבן מאַטעריעלן מצב פון די עלטערן, האָט ער געמוזט אַוועקגיין אַרבעטן אין אַ פּאַפּיר־געשעפט „שוב", אויף סטע־פאַן־גאַס (דעם נומער ווייס איך נישט)".

הירשקעס ערשטע לידער אין העברעאיש וועגן עמק חפר און חדרה

גאָר פרי האָט הירשקע אָנגעהויבן צו שרייבן, שוין אין יאָר 1935; צו 14־15 יאָר. לויט נחמן מייזיל און מ. גורין זענען זיינע ערשטע דיכטערישע שאַפונגען געווען אין העברעאיש. ערשט שפּעטער איז ער אַריבער צום שרייבן לידער אין יידיש. מ. גורין דערקלערט גליקס ערשטע לידער אין העברעאיש, מיט דעם וואָס ער איז דאַן געווען ערשט נאָכן ענדיקן די העב־רעאישע פאָלקס־שול, און געווען גלייכצייטיק אַ מיטגליד פון אַ ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, „השומר־הצעיר". די העב־רעאישע שפּראַך האָט ער באַהערשט גאַנץ פיין („יידישע קולטור", 1954). מ. גורין שרייבט דאָרטן ווייטער: „איך דער־מאָן זיך זיינע אַ גרעסערע פּאָעמע פון יענע יאָרן אונטערן נאָמען „חדרה", און נאָך אַ גרעסערע — וועגן דעם פּרעכ־טיקן עמק חפר, אונטערן נאָמען „וואדי כוארית" (כאוואריט). ער איז דעמאָלט געווען שטאַרק באַאיינפלוסט פון די ידיעות, וואָס זענען דערגאַנגען צו אונדז, אַז דער „קרן קימת ליש־

ראל״ האָט אויסגעלייזט דעם הערלעכן עמק. דאָס זענען גע־וועך די ערשטע טריט, די ערשטע פּרוּוון.

וועגן אָנהויב פון הירשקעס דיכטערישער טעטיקייט דערציילט פּרץ מיראַנסקי פּאַלגנדיקס :

„הירשקע איז געקומען מיט די ערשטע פּרוּוון צו מיר. און ס׳איז פאַרשטענדלעך; איך בין געווען דער נאָענטסטער מיטגליד פון „יונג־ווילנע״, וואָס האָט געוווינט פּונקט אַנט־קעגן די גאַס, ווו ער האָט געוווינט, אַ הויז איבער אַ הויז. צווייטנס, האָב איך אים געוואַלטיק ליב געהאַט, און איך האָב אים, אַזוי צו זאָגן, דערנענטערט צו זיך. נישט נאָר אים. זיי זענען געווען אַ גרופּע פון 4־5 חברים, וואָס כ׳האָב געהאַלטן אַז זיי זענען „די סמעטענע פון דער יידישער גאַס״, וווּנדער־באַרע יינגלעך, ערנסטע, פּאָליטיש רייפע. זיי האָבן געוווּסט וואָס זיי האָבן געוואָלט 15).

„פון זיינע חברים האָבן נאָך צוויי געשריבן לידער : משה גורין (געפינט זיך איצט אין חולון, אַ מנהל פון אַ שול; אין יענער צייט האָט ער געהייסן גורוויטש), און איינער, ראַבי־נאָוויטש (לעבט איצט אין ישראל, מען זאָגט אַז אין בת־ים).

„הירשקע גליק האָט אָנגעהויבן צו שרייבן נאָך אין די לעצטע קלאַסן, נאָך גייענדיק אין שול. ער פלעגט קומען צו מיר מיט זיינע ערשטע פּרוּוון, זייער אַן אומדרייסטער, און זייער אַן אומזיכערער. זיינע ערשטע לידער געדענק איך נישט. אויך געדענק איך נישט ווי זיי האָבן געהייסן. אָבער אַ גרוי־סער סימן פון טאַלאַנט איז שוין געווען אין זיי.

„נאָכן ענדיקן די שול, האָבן זיי זיך אָרגאַניזירט אין אַ גרופּע פון פינף מענטשן : הירשקע גליק, משה גורוויטש, אַבראַמאָוויטש, איטשעלע (זיין פאַמיליע ווייס איך נישט) און שבע פייגנבערג (דר. פייגנבערגס אַ טאָכטער). זיי האָבן זיך געחברט מיט לייזער וואָלף (ד. ה. לייזער מעקלער), מיט־גליד פון „יונג־ווילנע״, וועלכער האָט זיי גענומען אונטער

זיינע פליגל. ער האָט זיי אָרגאַניזירט, ער איז דער שעפער פון זייער זשורנאַל, און ער האָט זיך פאַרנומען מיט זיי די גאַנ־צע צייט פון זייער עקזיסטענץ.

„איך האַלט, אַז זיין ערשט ליד איז געדרוקט געוואָרן אין 1947 אונטערן נאָמען „זיבן וועלף", געמיינט די זיבן טעג פון דער וואָך, וואָס באַפאַלן זיין משפחה ווי זיבן וועלף[16].

„לייזער וואָלף האָט געהאַלטן, אַז ער איז דער גרעסטער טאַלאַנט פון דער גרופּע און עס שטייט אים פאַר אַ געוואַלדיק גרויסע צוקונפט[17]".

דער דאָזיקער זשורנאַל האָט געהייסן „יונגוואַלד". אונ־טערן נאָמען „יונגוואַלד" איז די דאָזיקע גרופּע אויך באַקאַנט געוואָרן אויף דער יידישער גאַס.

א. ס. (דער דיכטער אברהם סוצקעווער) דערציילט אין „גאָלדענער קייט" (נר. 4, 1949), אייניקע אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן הירשקעס משפחה און יוגנט־יאָרן:

„אַ משפחה פון אָרעמע פאַלקסמענטשן. זיין טאַטע פלעגט אַרומגיין איבער די דערפער, איינהאַנדלען אַ ציג, אַ קעלבל און עס פאַרקויפן אין שטאָט... זיין ליטעראַרישער רבי איז געווען לייזער וואָלף, דער פרי־פאַרשטאָרבענער, נאָך נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצטער דיכטער פון „יונג־ווילנע". פאַר אים, פּרץ מיראַנסקי, און א. סוצקעווערן, פלעגט גליק פאַר־לייענען זיינע ערשטע לידער, וואָס האָבן גלייך אָן אָטעם גע־טאָן מיט אַ פרישן, אומגעצוימטן כוח און אָנגעזאָגט אָן עכטן דיכטערישן טאַלאַנט. הירש גליק איז געווען דער טאָן־געבער פון דער שרייבער־גרופּע „יונגוואַלד", וואָס האָט אונטער דער רעדאַקציע פון לייזער וואָלף אַרויסגעגעבן עטלעכע נומערן פון אַ זשורנאַלעכל מיטן זעלבן נאָמען".

מ. גורין דערציילט אין דעם אויבן־דערמאָנטן נומער פון „יידישע קולטור", און שרייבט ווידער אין זיין פערזענלעכן בריוו צו מיר, וועגן יענע ערשטע שאַפונגס־יאָרן פון הירש־

קען, וועגן די לידער, וואָס הירשקע האָט געלייענט ביי די געצונדענע שבת־ליכטער פון לייזער־וואָלף׳ס מאַמע, און וועגן דער טעמאַטיק פון יענע לידער:

„הירשקע שלעפּט די שווערע פּעק פון אין דער פרי ביז שפּעט אין אָוונט. מיד, און אָפּטמאָל רעזיגנירט קערן מיר זיך אום פון דער אַרבעט (איך האָב אין יענע טעג געאַרבעט מיט אים בשכנות, אויף קוויאַטאָווע 12).

„דאָס איינציקע וואָס מונטערט און גיט צו ווילן און כוח, איז דער געדאַנק, אַז באַלד איז שוין ווידער פרייטיק צו נאַכט און ביי די אָקאָרשט געצונדענע שבת־ליכט, וועלכע לייזער־וואָלף׳ס מאַמע ע״ה, האָט געצונדן, וועלן מיר פאַרלייענען אונדזערע נייע לידער, אָנגעשריבן במשך פון דער וואָך.

„הירשקע איז שטאַרק שעפעריש. ער אַרבעט, לייענט, שאַפט, שרייבט. ס׳גייט כמעט נישט אַריבער קיין וואָך, ער זאָל נישט אָנשרייבן קיין ניי ליד. די טעמאַטיק איז אַ פאַר־שידענע, דאָך דאָמינירט צווישן זיי די טעמע פון די הינטער־שטאָטישע ווילנער גאַסן און די שאַרפע אָרעמקייט, מיט וועל־כע די זאַכן זענען אַרומגערינגלט.

„שווער איז אים שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז די גרויע ווירקלעכקייט וועט נאָך לאַנג באַלעבאַטעווען. פאַר־וואַנדלט ער זיינע געדאַנקען אין חלומות און ער חלומט מיט אויפגעפּראַלטע אויגן — וועגן „בלויע שעהן״, וועגן אַראָפּ־וואַרפן די שווערע פּעק, וועלכע קרימען אוים די יונגע אַקס־לען, וועגן קאָנען דורכגיין פריי אַ גאַס אין אָוונט און קיינער זאָל דיך נישט איבערפאַלן, וועגן מאַמעס זיפצן, וועלכע הויבן זיך אָן מיט זון־אויפגאַנג און פאַרענדיקן זיך נישט אין חלום״.

סעפּטעמבער 1939. עס ברעכט אוים די מלחמה. עס פאַר־שווינדט די פּוילישע הערשאַפט פון ווילנע, און גלייכצייטיק פאַרשווינדט אויך די שווערע אַנטיסעמיטישע פּאָגראָם־שטי־

מונג, וואָס האָט אַזוי געהאַנגען איבער דער יידישער ווילנע. אַ סך פון דער ווילנער יידישער יוגנט ווערן מיטגעריסן מיט האָפענונגען פון אַ נייעז, פרייען יידישן לעבן, אָן אַנטיסעמי־טישן פּאָגראָם־טעראָר.

מ. גורין דערציילט („יידישע קולטור") : „דעם 17־טן סעפּ־טעמבער קומען אַריין אין ווילנע די רויט־אַרמייער. הירשקע אַרבעט ווייטער ביי שובן, שרייבט לידער וועגן „מאַנגאַלן וועלכע היטן דעם גרינעם בריק" און „משיח אויפן רויטן טאַנק", דרוקט זיך אין „ווילנער אמת", און דרוקט אָפּ צוויי לידער אין די „נייע בלעטער", וועלכע גייען אַרויס אין קאָוו־נע (דאָס איז געווען יאַנואַר־פעברואַר 1940 ?).

אין 1939 — 1940 האָט ער פאַרעפנטלעכט די לידער: „אַמאָל" (יאַנואַר 1939), „זעקס וועלף" (יאַנואַר 1939), „שמשון" (פעברואַר 1939), „דאָס אויג" (1939), „דער אייגע־נער ניגון" (מערץ 1939), „ווייַנט די מאַמע" (אַפּריל 1939, „יונגוואַלד"), „טשעדי אבלי" (אַפּריל 1939, „יונגוואַלד"), „די נאַכט פון סעפּטעמבער 1939", „דער נאַראַטש", „בלויע זאַמד", „פרי־פרילינג" [18].

לויט א. סוצקעווער, האָט ה. גליק אָנגעשריבן אינעם יאָר 1940 אויך נאָך אַ ריי אַנדערע לידער און פּאָעמעס, ווי : „דער פויער", „בלאָע צייכנס", „צו ווילנע", „אין לאַנד פון ליקוי חמה" [19]. ס'איז אויך דערציילט געוואָרן וועגן זיינס אַ ליד: „געהאַקט אַ וואַלד".

אין אַלגעמיין זענען יענע לידער געשריבן אין גייסט און אין סטיל פון אַ ריי יונגע דיכטער, פאַר וועמען די פּאָעטן פון „יונג ווילנע" זענען געווען ליטעראַרישע מורי־דרך.

אינעם ליד „אַמאָל", געפינט זיך אַ פּראָזע, וועלכע האָט היינט צו טאָג אַ סימבאָלישן קלאַנג:

„איך האָב אַמאָל געטרוימט
צו זיין אַ העלד פון אַ לעגענדע".

היינט, ווען זיין נאָמען געהערט צו די געטאָ-לעגענדעס, ליגט אין די דאָזיקע ווערטער אַ מין פאָרויס-אַנונג פון דעם וואָס וועט קומען.

זיין ליד „זעקס וועלף" מאָלט דאָס הארבע לעבן פון זיין פאָטער, אויף וועמען שבת-צו-נאַכט, רוקן זיך אָן די אָנקו-מענדיקע זעקס וואָכנדיקע טעג — ווי וועלף.

פון זיין ליד „שמשון" איז כדאי צו ציטירן דעם לעצטן פערז:

אָ, העלד! צו דיר מיינע גרעסטע לויבן!
איך שטיי ווי דו מיט געקאָוועטע הענט,
נאָר ס'טליעט אַ פונק פון לעצטן גלויבן,
און אונטער מיר דער שייער ברענט! —

נאָר פרעמד איז מיר די שרעק,
עס זינגט אין מיר אַ יעדער אבר,
וועלט! אויב כ'וועל אַוועק,
וועל איך דיך מיטנעמען אין קבר!

צי ליגט אין די דאָזיקע לויב-געזאַנג-ווערטער צו שמשון אַ פאָרויס-אַנונג פון דער קאַטאַסטראָפע, וואָס קומט אָן? אַ פאָרויסגעפיל, אַז ער וועט מוזן אַוועקגיין פון דער וועלט? אַ געפיל, אַז ער שטייט מיט „געקאָוועטע הענט" כלפי דעם אומ-גליק, אַז אונטער אים ברענט דער שייער?

צו דער כאַראַקטעריסטיק פון זיין שטימונג-וועלט און

קרייז פון פּאָרוים-אָנונגען, איז כדאי צו פאַרצייכענען דעם פערז פון „פּרי-פּרילינג״:

פאַר וואָס טראָג איך דעם צאָרן פון אַן אונטערצינדער,
און ס׳איז מיין האַלדז אַ פולער מיט געשריי?

זיין ליד וועגן איינזאַמען טערק טשעדי אגלי אין ווילנע, וואָס זיצט אין בעקעריי און וואַרט אויף קונים, הייבט זיך אָן מיטן פאָלגנדיקן בית:

ווי אין הקדש-גאַס — אַ פּאַלמע-בוים
ווי אַ וואלפיש — אין ווילִיע
זיצט אין ווילנע טשעדי אגלי
ווי אויף אַ צפון-קריע.

די הקדש-גאַס (שפּיטאָל-גאַס) איז שפּעטער איינגע-שלאָסן געוואָרן אין געטאָ. פון שפּיטאָל-גאַס נר. 6, איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן צו די עסטאָנישע לאַגערן; קיין פּאַלמעס האָט ער קיינמאָל נישט געזען, אָבער וואַרשיינלעך, דאָס בילד פון אַ פּאַלמע-בוים איז געלעגן ביי אים אין אונטער-באַוווסט-זיין, נאָך פון די שול-יאָרן אָן. וועגן דעם פּאַלמען-בוים האָט ער שפּעטער דערמאָנט, ווען ער האָט געזונגען „פון גרינעם פּאַלמען-לאַנד — ביז ווייסן לאַנד פון שניי״.

מיר ברענגען דאָ דעם טעקסט פון ליד „פּרי-פּרילינג״, גע-דרוקט אין „בלעטער 1940, זאַמלבוך פאַר ליטעראַטור און קונסט״ 19).

פרי־פרילינג

אין אַ פֿאַרשפּעטיקטן שליטן סאפּעט אַ פערד
איבער פרי־פרילינגדיקן צעזונגענע גאַסן,
נאַר ווו ס'האָט אָפּגעטריקנט שוין אַ שטיקל ערד —
דאָרט שפּילן קינדער שוין אין קלאַסן.

פֿאַר וואָס טראָג איך אַרום אַ געמיט
אַ שווערן ווי די פֿויערישע פּעלצן,
און ס'לויפֿט די זון נאָך מיינע טריט
און קען מיין גליווער נישט צעשמעלצן?

אויף דער זון־זייט לאַכן קינדער,
כאָטש אויף די פֿנימער ליגט נאָך דער שניי,
פֿאַר וואָס טראָג איך דעם צאָרן פֿון אַן אונטערצינדער
און ס'איז מיין האַלדז אַ פולער מיט געשריי?

מיך גלעט דאָך אויך פרי־פרילינגדיקער ווינטל
און האָפֿענונג גרינט פֿון יעדן שמעלצנדיקן, ווייסן פלעק.
טאָ פֿאַרוואָס בין איך מקנא ליאַד אַ הינטל,
וואָס ליגט אויפֿן זון און דרייט מיטן עק?

קאפיטל צווײ

הירשקע גליק אין די לאגער־יאָרן

(לאַגער רעשע און געטאָ־ווילנע)

אין יוני 1941, אַ טאָג פאַרן אַריינקום פון די דייטשן קיין ווילנע, (ד. ה. דעם 21-טן יוני) איז הירשקע גליק אַנטלאָפן מיט נאָך טויזנטער יידן אויפן וועג קיין רוסלאַנד [20]. ער ווערט אָבער אויפן וועג פאַרכאַפט פון די דייטשן און ווערט אַריינגעוואָרפן אין אַ קליינשטעטלדיקער טורמע.

מ. גורין דערציילט פרטים וועגן דאָזיקן אַנטלויפן:

„ער דערגייט אָבער נישט ווייטער, ווי ביז אַרום מאָלאָדעטשנע. די וועגן זענען באָמבאַרדירט און די מאָטאָציקליסטן פאַרהאַלטן אים נאָענט ביי דער סאָוויעטישער גרענעץ. אַ דייטש וויל אים דערשיסן, נאָר זיינער אַ באַקאַנטער, אַ „פאָלקס-דייטש", רופט זיך אָפּ: „לאָזן מיר אים לעבן, דער יודע ווירד אונדז נאָך נוטצען ברענגען!". ער ווערט אַריינגעוואָרפן אין איינע פון די קליינשטעטלדיקע טורמעס, צוזאַמען מיט פאַרשידענע קרימינאַל-פאַרברעכער, און נאָך אַ קורצער צייט, ווען דער טורמע-שעף, אויפן סמך פון דער אַמנעסטיע, באַפרייט די אַרעסטאַנטן — ווערט אויך הירש באַפרייט און קומט צוריק קיין ווילנע".

עס האָט געדויערט צוויי וואָכן, און ער איז געקומען צוריק [21]. דאַן איז ער אַוועק פונעם אייגענעם ווילן אין א טארף-לאַגער, רעשע.

„רעשע איז געווען אַ טאָרף־לאַגער און דאָרט האָט מען געקענט גיין „פּרייוויליק"; ווען מען האָט געזען, אַז מען נעמט צו (פון ווילנע) די יידישע מענער, איז הירשקע, מיין טאַטע און אַנדערע, אַוועק פרייוויליק קיין רעשע"[22], דערציילט איטע פופקא.

משה גורין, וועלכער האָט אָנטייל גענומען אינעם אַוועק־גיין פון ווילנע צום טאָרף־לאַגער רעשע, דערציילט:

„אין יולי 1941 זענען מיר ווידער צוזאַמען. מיטן אַלטן מיישעגאַלער שליאַך שפּאַנען אַ 30 ראַגאַטקער יידן *), וועלכע האָבן זיך פרייוויליק געמאָלדן צו אַרבעטן אין די טאָרף־גרי־בער פון רעשע, וואָס געפינען זיך נישט ווייט פון דעם שיינעם פוילישן דערפל זאַבלאָציע, אַ 12־14 קילאָמעטער פון ווילנע, צווישן וואַלד און זומפּ. יאָ, דאָס איז אונדזער נייע היים. די פערד האָט מען במחילה געבעטן אַרויסגיין פון שטאַל, און מיר האָבן פאַרנומען זייערע סאַלאָנען, אויפן בערגל, אין רעשע" (ייד. קולט." נר. 2, 1945).

קיין רעשע איז מען געגאַנגען אויך פון געטאָ־ווילנע, ערב די טעג פון אַקציעס. „איך בין פריער געווען אין געטאָ און דערנאָך בין איך אַוועק אין רעשע".

דאָרט, אין רעשע, האָט הירשקע גליק אָנגעשריבן אַ ריי פּאָעמעס און לידער, ווי „אַ נאַכט אין לאַגער", „דאָס זאַנגל", „טאָרפליד".

מיר ברענגען דאָ די ווערטער פון „זאַנגל"[23]:

---

*) „ראַגאַטקער יידן" האָט מען גערופן אין ווילנע די יידן, וואָס האָבן געוווינט אין די פאָרשטעט, ביים גרענעץ פון שטאָט, ווו ס'זענען אַמאָל געווען די שטאָט־טויערן. דערפון אויך דער נאָמען „ראַגאַט־קער יידן", פון די וואָס האָבן געוווינט אין שניפּישאָק, עק שטאָט.

דאס זאנגל

בלאָנד ביסטו ווי אַ זאַנגל,
שיין ווי דער זון־פֿאַרגאַנגל.
פֿיר ומיך דורך באַרג און טאָל,
און איך — דיך נאָכאַמאָל,
ביז מיר וועלן זיך שיידן.

און וואָלט איר זען ביים שיידן
אין ראָזע־שקיעה ביידן,
ליפּן, ווי מערעלעך
אויגן פֿול טרערעלעך
און — בעסער גאָרנישט ריידן.

אין ראָזן זון־פֿאַרגאַנגל,
הער, מיידל, מיין פֿאַרלאַנגל,
שווער מיר ביים זונען־שיין,
אַז דו וועסט מיינע זיין —
און זי האָט אים געשווירן.

און זי האָט אים געשווירן,
פּורפּור איז ער געוואָרן,
פּורפּור ווי דער פֿאַרלאַנג,
פּורפּור ווי זון־פֿאַרגאַנג,
הינטער די בלאָנדע קאָרן.

אין פֿאַסטעכס פּייפֿן־קלאַנגל
לעשט זיך דער זון־פֿאַרגאַנגל,
און אין די הימלען טיף
די לבנה — אַ זעגל־שיף —
איז שוין אויסגעגאַנגען.

איז זי זיי נאָכגעגאַנגען,
און שטערן אויסגעהאָנגען.
און שטערן איבער די צוויי;
און ביימער צווישן זיי —
שטייען ווי חופּה־שטאַנגען.

גאָר אַן אַנדער אַטמאָספער הערשט אין זיין ליד „טאָרפ־ליד" [24]. דאָרט פרעגט זיך דער מחבר: „ווער זינקט און זינגט פון שוואַרצן זומפּ?". עס ווערט גערעדט וועגן „רידלען וואָס פליען מיט אַ קללה", וועגן „שוואַרצע בלוט אין יעדן אָדער". גלייכצייטיק ווערט געזונגען וועגן טראַנספּאָרטן, וואָס פירן „צום בלאָען פּאָרט, צום גרינעם לאַנד, פון חלום־לאַנד". עס ווערט דערציילט וועגן בלעטלעך „וואָס לויפן צו מיין היים און צו מיין שטעטל".

אין די ווערטער וועגן „גרינעם לאַנד פון חלום־לאַנד", קען מען ווידער הערן דעם אָנזאָג פון זיינע קומענדיקע ווערטער אין פּאַרטיזאַנען־הימן „פון גרינעם פּאַלמען־לאַנד ביז ווייסן לאַנד פון שניי"; און אפשר קען מען אויך הערן אין די לעצטע שורות:

אין דעם באָדן, אין דעם קאַלטן,
ליגט אַן אוצר פאַרבאַהאַלטן —
דער ב אַ ג י ן.

קען מען אויך הערן ווי אַן אָנזאָג פון „ס'וועט די מאָרגן־זון פאַרגילדן אונדז דעם היינט, און דער נעכטן וועט פאַרשווינדן מיטן פיינט" (פון צוקונפטיקן פּאַרטיזאַנען־הימן).

דער פאַרבאַנד פון די ליטעראַטן און קינסטלער אין געטאָ־ווילנע האָט צוויי מאָל פּרעמירט הירשקע גליק:

1. פאַר אַ דראַמע וועגן לעבן פון די ווילנער אין די טאָרף-גריבער פון רעשע;
2. פאַר די „באַלאַדע פון ברוינעם טעאַטער" (געשריבן אין ווילנער געטאָ, אָנהויב 1943). [25]

די „באַלאַדע פון ברוינעם טעאַטער" („ספּעקטאַקל פון לוקישקער טורמע") איז די גרויל-באַלאַדע וועגן דעם ערב-טויט-געראַנגל פון די יידן אין ווילנער לוקישקער תפיסה, איידער מען האָט זיי אָפּגעפירט צום טויט אויף פּאָנאַר. (הירשקע גליק האָט זי אַריינגעשיקט אונטערן פּסעוודאָנים טופּמאַן פאַרן לידער-קאָנקורס ביים פאַרבאַנד פון ליטעראַטן און קינסטלער [26].

מיר ברענגען דעם טעקסט, אַזוי ווי ער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער „גאָלדענער קייט":

די באלאדע פון ברוינעם טעאטער

(ספּעקטאַקל פון לוקישקער טורמע)

פּאָטערל שעקספּיר „מאַך לוס" פון דער עסטראַדע!
פאַר ניי אייראָפּע, נייע קונסט מיט ערודיציע.
אָ, וועלט, שטעל אָן דיין טויבן אויער, און הער אויס
[די באַלאַדע,
מיר הויבן אָן צו טראַנסמיטירן די אוידיציע — — —

אָן אַפּישן, אָן פּלאַקאַטן,
הינטער ווענט און הינטער גראַטן —
ערשטער אַקט פון אונדזער דראַמע:
ס'קאָמאַנדירט אַ ווייסע דאַמע,
געאָרעמט פון אַ שוואַרצן הער,
דאָס פּובליקום, וואָס אָטעמט שווער:

אַכטונג!

אַכטונג טויטע רייען!
אָן געפּילדער, אָן גערדרייען
זאָל אַרויס דאָס יינגסטע מתל — — —
זאָל עס זינגען די „האָרסט וועסל"
און דאָס פּובליקום זאָל שווערן —
וואָס עס זעט און וועט באַלד הערן,
זאָל דערפון קיין האָן נישט קרייען!

אַכטונג!

סמירנאָ, טויטע רייען!!!
ווער וועט זיין דאָס יינגסטע מתל?
ווער וועט זיין די „האָרסט וועסל"?
טויזנט אויגן אין געפינקל.
וואַקסן אויס פון צעלע־ווינקל
זיבן מתים
אין תכריכים און טליתים;
ס'ברענט אַ ליכט אין יעדער האַנט
און זיי וואַרטן ביי דער וואַנט.
קוקט דאָס פּובליקום זיך איבער
און געשליידערטע פון פיבער, —
אַלע אויגן צו דער דאַמע;
קוקט אַ טאַטע, קוקט אַ מאַמע,
טויזנט הערצער אין געצאַפּל.
יעדער זוכט אין איר שוואַרצאַפּל.
וויגט זי וואַרטנדיק די שטריק:
ווער ס'פאַרנעמט איר שאַרפן בליק
קערט זיך מער ניט אום צוריק...

וויגט
זיך
וואַרטנדיק
די
שטריק — — —

הענגט די לבנה זיך אָן אויף דער גראַטע:
פּנימער געלע, פּנימער מאַטע...
טאַפּט די לבנה מיט פינגער בלאַסע.
איינע טיילט זיך דאָ אויס פון דער מאַסע — — — —
אַ בלאָנדע פרוי און טראָפּנס טוי
הענגען אין די בלאָנדע אויגן.
האָט אַ יידישע מוטער אַזעלכע געזויגן?
טאַפּט די לבנה מיט פינגער בלאַסע
און טיילט אויס די פרוי פון דער פינצטערער מאַסע.
זעט די לבנה אַן אויפגעגאַנגען בויך — — —
זעען דער הער און די דאַמע דאָס אויך.
אַ מהומה אין די רייען,
ס'קייקלט זיך די פרוי אין ווייען.
נאָר די דאַמע, ניט פאַרלאָרן,
קלאַפּט אין וואַנט נאָך אַקושאָרן:
ס'ווערט אַ קאָמוניסט געבאָרן!!!
וועט דאָס זינגען די „האָרסט וועסל".
קומען זינגענדיק זיבן כלות:
„דויטשלאַנד, דויטשלאַנד, איבער אַלעס".
טויטע קליידער אין געפלאַטער...
ס'פאַלט דער פאָרהאַנג פון טעאַטער.

אויפן אַנטראַקט,
זענען געשפּרונגען אין איין אַקט

די שלייפן אין קאָפּ און די גערעדעם אין בויך.
פאַר דערליידיקן אַ מענטשלעך געברויך,
האָט דאָס פּובליקום געצאָלט
מיט צירונג, מיט גאָלד
און פרעמדע וואַליוטע...
דאָס לעבן איז געגאַנגען אין ווערט פון אַ פּרוטה:
און וואַסער אַ טרונק —
קאָסט אַ מקדש־רינג.
דער וועכטער האָט אַן אַפּאַראַט,
וואָס מאַכט פון טינוף ברויט צו זאַט:
ס'איז דער עמער מיט פּאָמויעס.
ט'ער געדונגען זיך צוויי גויעס
און זיי בייטן עס כסדר.
יידן האָבן צירונג, קליידער,
פירט דער וועכטער דאָס געשעפט
מיט אַ בלייער, מיט אַ העפט.

אַ קלונג — — —
די לבנה האָט שוין ווידער אַריינגערוקט אַ צונג
אין דער פינצטערער צעלע.
פּנימער מאַטע, פּנימער געלע,
מיט עלעקטרע־שטראָם אין קני,
טויזנט אויגן אין געגלי...

צווייטער אַקט פון אונדזער דראַמע;
ס'נעמט ניט אָנטייל דאָ די דאַמע,
פון דער זייט דער רעזשיסער
אין פּערזאָן פון שוואַרצן הער.
אויף דער שוואַרצער פאָן פון בינע
שפּרייטן לאַנדשאַפטן זיך גרינע,
בערג באַוועלדערן דעם האָריזאָנט

און אַ רוישן הערט זיך פון נאָנט — — — —
ס'קומען פייגעלעך פון שטאָל,
קרייזן הויך איבערן טאָל,
ווו עס וואַקסט אַ יונגע שטאָט,
ווו פון פעסטן זעלנער־טראָט
הוידעט זיך די גרינע בריק
הין צוריק, הין צוריק.
פונעם רוישן ווערט אַ זשומען,
טאַנקען טונקען זיך אין בלומען.
עפּעם קומט און האַלט אין ווערן.
שפּרודלט פרייד אַרויס פון טרערן...
— — — — — — —
טוויזנט אויגן אין געגלי,
מיט עלעקטרע־שטראָם אין קני,
אַלע מיילער, אַלע ברוסטן,
אַלע גלידער גלוסטן, גלוסטן,
אויסרופן: הוראַ! הוראַ!
— — — — — — —
קראַ... קראַ... קררראַאַ!
מעסערט פּלוצעם אַ וואָראָנע,
ס'פּלאַטערט אויף אַ שוואַרצע פאָנע
אין די הענט פון רעזשיסער, —
ס'צינדט אָן ליכט דער שוואַרצער הער:
— גיכער גיט דעם טויטן ליילעך!
רויט די וועלט, דער גאַנצער קיילעך!!!
טויט די יידן! שרייט ער, ברומט —
איידער טימאָשענקאָ קומט!!!
שוואַרצער ליילעך אין געפלאַטער...
ס'פאַלט דער פאָרהאַנג פון טעאַטער — — — —
— — — — — — —

— —

אָ, טויבע וועלט, דו שלאָפסט אַזוי האַרט!
אָ, שטומע עדות, איר לוקירשקער ווענט!
אין גראָען באַגינען האָבן אויטאָס געוואַרט,
אויטאָס באַדעקט מיט גראָען ברעזענט.

וואַרשיינלעך זענען דורך אים אָנגעשריבן געוואָרן נאָך א ריי אַנדערע שאַפונגען אין דער תקופה פון רעשע. א. פופּקא דערציילט, אַז הירשקע „האָט אין רעשע זייער אַ סך געשריבן. אין רעשע פלעגן יעדן זונטיק פאַרקומען זיינע פאָרלעזונגען. ער פלעגט לייענען זיינע ווערק און אַלע פלעגן קומען הערן 27). וועגן דעם דערציילט אויך פּרץ מיראַנסקי 28):
„כ׳געדענק: כ׳האָב זיך געטראָפן מיט זיינעם אַ חבר פון רעשע, קומענדיק צוריק אין ווילנע. און ער האָט מיר געזונגען איין פערז פון אַ ליד, וואָס גליק האָט אָנגעשריבן אין רעשע; ס׳הייסט „עמערל, עמערל שעפּ!".

עמערל, עמערל שעפּ,
שעפּ ריינעם וואַסער אינעם ברונעם.
נעם מיט מיין פּיין אין ברונעם אַריין,
אפשר וועט דאַן גרינגער מיר זיין..."

פּרץ מיראַנסקי האָט מיר דערציילט אַן אומבאַקאַנטן פאַקט וועגן דעם, אַז הירשקע גליק איז געכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן, בשעת מען האָט פאַרברענט די ספרי־תורה׳ס אין ווילנע 29):
„וואָס שייך אייער פראַגע וועגן דער אידייע צו שרייבן די פּאָעמע וועגן הירשקע גליק: איך האָב זיך געטראָפן, קומענדיק צוריק, מיט מענטשן, וועלכע האָבן מיר דערציילט, אַז איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער געטאָ, האָבן די דייטשן

גענומען פֿאַרברענען די שולן, און זיי האָבן געכאַפּט יידישע יונגעלייט זיי זאָלן העלפֿן פֿאַרברענען די תורה׳ס. זיי האָבן אויפגעקליבן דעם המון פון דער גאַס, און געמאַכט אַ ספּעקטאַקל פון דעם. הירשקע גליק איז אויך געכאַפּט געוואָרן (ס׳איז אַ היסטאָרישער פאַקט), ווען מען האָט פֿאַרברענט די „ראַגאַטקער שול". מען האָט געצוווּנגען אים, מיטן רב, די ספרי־תורה׳ס, מיט די ספרים, צו וואַרפן אויפן שייטער־הויפן. מען האָט מיר אויך דערציילט, אַז דער רב האָט נישט געוואָלט וואַרפן, און האָט פאַרשטעלט מיט זיינע הענט דאָס פייער. דאָס איז געווען דער שטאָף צו מיין פּאָעמע".

ווי אזוי האט הירשקע געשאפן אין רעשע זיינע לידער?

דאָרט, אין לאַגער רעשע, ווערט הירשקע גליק ווי ניי אויסגעפאָרעמט אַלס דיכטער פון טרויער, צאָרן און האָפענונג. מיר ווייסן וועגן יענע טעג גאָר ווייניק, סיי וועגן זיין אַרבעט, סיי וועגן זיין שאַפן בשעת דער אַרבעט און וועגן זיינע לידער, געשריבענע ביים ליכט פון חלב־ליכטלעך און סמילקענדיקע נאַפט־לעמפּלעך.

וועלן מיר דאָ ברענגען אַ פּאָר שורות וועגן דעם, געשריבענע פון מ. גורין, וואָס האָט צוזאַמען מיט הירשקען דורכגעמאַכט דעם קאַפּיטל רעשע:

„הירש גליק דאַרף צוגרייטן און באַזאָרגן מיט טרוקענע קאַרטשעס און טרוקענעם טאָרף די צוויי דאַמף־מאַשינען, וועלכע האָבן געטריבן די עלעוואַטאָרס. פון פרי ביז פאַרנאַכט שלעפּט ער די נאַשעס אינאיינעם מיט מיין ברודער, וועלכער האָט די גאַנצע צייט מיט אים צוזאַמען געאַרבעט, ביז מען

האָט הירשקען אַרויסגעשיקט נאָך בעזדאַן, אינאיינעם מיט נאָך צענדליקער יידן. און שלעפנדיק די קאַרטשעס, שווימען אויף די ערשטע שורות, ווערט רייף דער געדאַנק פון אַלע זיינע אומשטערבלעכע לידער.

„אין אַט די גרויל־יאָרן, אין איינעם פון די פאַרוואָרפענע הייזקעס, ווו אַ יידישע משפחה האָט געוווינט, פלעגן מיר זיך צונויפקומען אין די אָוונטן, זיך אויפצומונטערן. מיר, די וואַנדערנדיקע כאַלאַסטרע פון יונגע־לייט פון פערד־שטאַל, פלעגן קומען פריילעך מאַכן (מ'שטיינס געזאָגט: פריילעך מאַכן!) די פאַרוואָרפענע משפחות, וועלכע האָבן געהאַט אַ דערלויבעניש פון רעשער פאָליציי־צערקל צו וווינען פריוואַט אויסער די צוימען פון רעשער לאַגער (דאָס איז געווען אין די יאָרן 1941, ביז מאַי 1943, ווען דער רעשער לאַגער איז ליקווידירט געוואָרן).

„אין לאַגער רעשע איז הירשקע אַ לענגערע צייט געלעגן אַ פאַרחלומטער און אַן אויסגעדאַרטער פון אַ שווערן טיפוס (פלעק־טיפוס?)".

ס'איז באַקאַנט אַז פינף הירשקעס לידער זענען געזונגען געוואָרן: 1) „דאָס זאַנגל"; 2) „שטיל, די נאַכט איז אויסגעשטערנט"; 3) „ווער זינקט"; 4) „ווייסע טויבן", און 5) דער „פּאַרטיזאַנער־הימן".

ווי אַזוי זענען געשאַפן געוואָרן די מעלאָדיעס? ווער האָט זיי געשאַפן? ווען? ביי וועלכע באַדינגונגען? צי האָט די מעלאָדיעס הירשקע אַליין געשאַפן? אָדער האָט צוגעפּאַסט זיינע לידער צו שוין עקזיסטירנדיקער מוזיק? האָט עס פאַר אים אַן אַנדערער צוגעפּאַסט? צי האָט ער לכתחילה געשריבן די לידער און ערשט שפּעטער געזוכט צו זיי צוצופּאַסן אַ מוזיק? אָדער פאַרקערט — אַן עקזיסטירנדיקע מוזיק האָט ביי אים אַרויסגערופן דעם פאַרלאַנג צו שרייבן דערצו אַ יידיש

ליד? וועגן דעם זענען פאַראַן פאַרשידענע ווערסיעס. ס׳איז כדאי אויך צו פאַרצייכענען, אַז דער פאַרטיזאַנען־הימן ווערט אין פאַרשידענע לענדער פאַרשידנאַרטיק געזונגען; אַנדערש זינגען אים די פאָלקסמענטשן בשעת געדענק־אַקאַדעמיעס; דאַן ווערט עס געזונגען ממש מיט אַ מיסטישן עקסטאַז פון טרויער און געדענקען, פון האָפענונג און עקשנות; אַנדערש ווערט ער געזונגען פון געשולטע זינגער, וועלכע פאַרוואַנדלען אים אין אַן אָפערן־מעסיקן טריאומפאַלן מאַרש.

און אָט וואָס עס דערציילט וועגן דעם מ. גורין:

„טראַגנדיק דעם טאָרף, פלעגט ער זיך אָפרופן צו זיין מיטשפּאַנער, מיין ברודער, אַוועקזעצנדיק זיך אויף אַ טרו־קענעם אינדזעלע אין זומפּן־ים: „זינג מיר אויף עפּעס אַ שיינעם ניגון, כ׳וועל פּרובירן צופּאַסן ווערטער צו אים״.

און אַזוי לערנט זיך אוים הירשקע די ניגונים, און אַזוי ווערן געשאַפן די זינג־לידער:

1. „דאָס זאַנגל״, לויט דעם ניגון פון פּוילישן פאָלקס־ליד סלאָנעטשקאָ נאַ זאַכאָדזשיע״, און ווער עס קען דאָס דאָזי־קע ליד, וויים ווי געטריי ה. גליק האַלט זיך ביים אָרי־גינאַל פון ליד.

2. „שטיל, די נאַכט איז אויסגעשטערנט״, האָט ה. גליק אָנ־געשריבן לויטן העברעאישן ליד:

עומדים אנו על המשמרת
מעל ראשינו כוכבים
שומר אני, ואת שומרת
ובידינו חרובים.
לילה, לילה במשמרת —
א. א. וו.

3. זיין טאָרף־ליד „ווער זינקט", האָט ער אָנגעשריבן לויט אַ העברעאיש זינג־ליד אונטערן נאָמען: „מתנוסס הנס".

4. „ווייסע טויבן", לויט דעם באַרימטן העברעאישן ליד: באה מנוחה ליגע".

5. אויך זיין פּאַרטיזאַנער הימן איז אַזוי געשאַפן געוואָרן — צוערשט דער ניגון, און דערנאָך די ווערטער.

מ. גורין דערציילט, אַז נאָכן ליקווידירן די טאָרף־לאַגערן אין מאַי 1943, האָט הירשקע געווינט אין ווילנער געטאָ, אויף סטראַשון־גאַס 1. מ. גורין דערציילט אויך, אַז אין געטאָ, פון מאַי ביז סעפּטעמבער 1943, האָט הירשקע גליק אָנגעשריבן אייניקע לידער, און אַז ער דערמאָנט זיך, אַז איינע פון זיי איז געווען געווידמעט מורערן, דעם געוועזענעם שעף פון ווילנער געטאָ (ד. ה. דעם מורער וואָס איז באַפרייט געוואָרן דורכן געשווירענעם געריכט אין גראַץ, עסטרייך; נאָך דער באַפרייאונג זענען אים דערלאַנגט געוואָרן בלומען; און ער איז אויף די הענט געטראָגן געוואָרן איבער די גראַצער גאַסן).

וואָס זענען געווען הירשקעס אָנשויאונגען? זיינע לעבנס־יאָרן זענען געווען אַזוי קורץ, און ער האָט דורכגעמאַכט אַזוי פיל איבערוואַנדלונגען, אַז ס׳איז שווער היינט־צו־טאָג פעסטשטעלן וואָס ער האָט געטראַכט אין די פאַרשידענע ראַשיק־פאַרלויפנדיקע תקופות פון זיין לעבן: אַלס קינד פון אַ פרומען טאַטן, אַלס שילער פון אַ העברעאישע פאָלקסשול; אַלס דער, וואָס שרייבט פאַר זיך אַליין אַ דרשה אויף יידיש צו זיין בר־מצווה; אַלס חבר פון דער חלוצישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „השומר הצעיר", אָדער אַלס חבר פון „יונגוואַלד"; אַלס דער, וואָס האָט אָנגעהויבן שרייבן לידער אין העברעאיש, און אַריבער צו יידיש; אַלס דער, וואָס שרייבט זיין ליד

װעגן שמשון הגיבור; אַלס דער, װאָס שרײַבט זײַנע לידער װעגן די חלוצישע זידלונגען אין עמק חפר, אָדער אַלס דער, װאָס שרײַבט זײַנע לידער װעגן „משיח אויפֿן רויטן טאַנק״; אַלס דער, װאָס אַרבעט אין טאָרף־לאַגער רעשע, און שאַפֿט דאָרט זײַן אומשטערבלעכן פּאַרטיזאַנער־הימן; אַלס דער, װאָס זוכט חלוצישע און סאָװיעטישע מעלאָדיעס פֿאַר זײַנע לידער?; אַלס פֿאַרשיקטער אין די קאַצעטן, װוּ ער אָרדנט אײַן צוזאַמען מיט זעליק הירש קאַלמאַנאָװיטש, אַ געהײמען חנוכה־אָװנט! אָדער װען ער אַנטלויפֿט אין די עסטישע װעל־דער און קומט דאָרט אום?

משה גורין שרײַבט צו מיר, אין זײַן בריװ (9־טן מערץ 1966): „כ׳בין טיף איבערצײַגט, אַז עס זענען נישט געװען קײן סך אַזוי אײַנגעװאָרצלטע מיט אַלע װאָרצלען פֿון דער נשמה אין ייִדישקייט, װי הירשקע גליק״.

הירשקע גליק האָט דורכגעמאַכט די איבערלעבונגען, אויפֿטרײסלונגען און גײַסטיקע איבערװאַנדלונגען פֿון ייִדישן יונגן דור אויפֿן שװעל פֿון דער שװידער־מלחמה. ער האָט גע־האָפֿט די האָפֿענונגען פֿון זײַן דור. ער האָט געזען דעם אומ־קום פֿון זײַן פֿאָלק. ער האָט געטראָגן טרײסט און אויפֿמונ־טערונג פֿאַר זײַן פֿאָלק מיט זײַנע גראַניט־װערטער פֿון „זאָג נישט קײנמאָל״. אַלע אין געטאָ־װילנע,׳ און דאַן אַלע אין די קאַצעטן, און שפּעטער די תּפֿוצות־ייִדן — האָבן אין אים געזען דעם אויסדריקער פֿון זײער דורותדיקן פּײַן און זײער דורותדיקער האָפֿענונג. אין זײַנע װערטער „פֿון גרינעם פּאַל־מען־לאַנד ביז װײַסן לאַנד פֿון שניי״ — האָט מען דערזען דעם כּלל־אויסדרוק פֿון אַלע ייִדן, אין אַלע לענדער פֿון פּײַן און פֿון האָפֿענונג, און מען האָט אין זיי דערהערט דעם אָנ־זאָג פֿון דער נײַער תּקופֿה פֿון ייִדישן לעבן אַלס פֿאָלק, װאָס

גיט זיך נישט אונטער, אַלס פאָלק, וואָס „ווו געפאַלן איז אַ טראָפּ פון אונדזער בלוט, שפּראָצן וועט דאָרט אונדזער גבורה, אונדזער מוט". מען האָט אין אים דערזען דעם יונגן דיכטער-זעער פון יידישן כלל.

און אַזוי איז ער אַריין אין דער געשיכטע, דער זון פון דער יידישער אָרעמקייט, דער זינגער אין דער תקופה פון פאַלנדיקע וועלט, דער פאָרויסזאָגער פון דער המשכדיקייט פון דער יידישער געשיכטע און פון יידישן קאַמף. מען האָט אין אים דערזען דעם איבערגעבער פון דער פאָלקס-צוואה פון געטאָ-דור צו קומענדיקע דורות פון פרייהייט. „פון דור צו דור" !

דאס ליד וועגן פארטיזאנען־מיידל :

„שטיל, די נאכט איז אויסגעשטערנט"

נאָכן ערשטן דיווערסיע-אַקט פון די ווילנער געטאָ-פּאַר־טיזאַנער, וועלכע האָבן הינטער ווילנע, אין 1942, אויפגעריסן אַ דייטשן עשאַלאָן, האָט הירשקע גליק אָנגעשריבן אַ ליד: „שטיל, די נאַכט איז אויסגעשטערנט" 30) :

שטיל, די נאַכט איז אויסגעשטערנט,
און דער פראָסט — ער האָט געברענט;
צי געדענקסטו ווי איך האָב דיר געלערנט
האַלטן אַ שפּייער אין די הענט ?

אַ מויד, אַ פּעלצל און אַ בערעט,
און האַלט אין האַנט פעסט אַ נאַגאַן,
אַ מויד מיט אַ סאַמעטענעם פּנים
היט אָפּ דעם שונא'ס קאַראַוואַן.

געצילט, געשאָסן און געטראָפן
האָט איר קליינינקער פּיסטויל,
אַן אויטאָ אַ פולינקן מיט וואָפן
פאַרהאַלטן האָט זי מיט איין קויל.

פאַרטאָג פון וואַלד אַרויסגעקראָכן,
מיט שניי גירלאַנדן אויף די האָר,
געמוטיקט פון קליינינקן נצחון
פאַר אונדזער נייעם, פרייען דור.

דאָס ליד וועגן פּאַרטיזאַנען־מיידל, וואָס היט אָפּ דעם שו־נא'ס קאַראַוואַן, דאָס ליד וועגן מיידל מיט שניי־גירלאַנדן אויפן קאָפּ — האָט צוליב איר מעלאָדיע און חן, אַרויסגערופן באַ־גייסטערונג ביי דער געטאָ־יוגנט, און ווי איך געדענק — פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינע פון די געזונגענסטע לידער אין געטאָ־ווילנע; ביז ס'איז געקומען הירשקעס ליד „זאָג נישט קיינמאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג", וואָס איז גע־וואָרן דאָס ליד פון די געטאָ־לידער.

קאפיטל דריי

„זאג נישט קיינמאל אז דו גייסט
דעם לעצטן וועג !"

ווער ס׳איז אַליין נישט געווען אין געטאָ־ווילנע קען זיך גאָר נישט פאָרשטעלן ווי דער געטאָ איז פאַרכאַפּט געוואָרן מיט הירשקע גליקס ליד „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג!”.

מען האָט געזונגען דאָס ליד אויף בוידעמער, אין קעלערס, אין אונטערערדישע בונקערס; מען האָט עס געמורמלט בשעת דער אַרבעט אין די דייטשע „איינהייטן”; מען האָט עס געזונגען אויף געהיימע צוזאַמענקונפטן.

דאָס ליד האָט ממש דורכגעריסן געטאָ־מויערן און שטעכל־דראָטן, און איז געזונגען געוואָרן אין די פאַרשידענע לאַגערן.

נאָך דער באַפרייאונג איז דאָס ליד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם הימן פון די לעבנגעבליבענע און ווערט נאָך עד היום געזונגען אויף צוזאַמענקונפטן פון דער שארית־הפליטה און אויף געדענק־פייערונגען אין ישראל און אין די תפוצות.

נ. מייזיל האָט אין זיינע צוויי פאַרעפנטלעכונגען געבראַכט צאָלרייכע וואַריאַנטן פונעם ליד, פון זאַצן און ווערטער, וואָס עס איז צו זען ביי פאַרשידענע מחברים פון זכרונות־ביכער [31]. דאָס איז איבערגעזעצט געוואָרן אין צענדליקער שפּראַכן; אָפט דורך צאָלרייכע איבערזעצערס (אין ענגליש למשל זענען דאָ זעקס איבערזעצונגען).

כ׳וועל דאָ ברענגען דעם וואַריאַנט, וואָס דוכט זיך מיר צו זיין דער אַממייסטן אָנגענומענער און געזונגענער:

זאג נישט קיינמאל!
(פּאַרטיזאַנער־הימן פון ווילנער געטאָ)

זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
כאָטש הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג.
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה —
ס׳וועט אַ פּויק טון אונדזער טראָט: מיר זענען דאָ!

פון גרינעם פּאַלמען־לאַנד ביז ווייסן לאַנד פון שניי,
מיר זענען דאָ מיט אונדזער פּיין, מיט אונדזער וויי,
און וווּ געפאַלן ס׳איז אַ טראָפּ פון אונדזער בלוט,
שפּראָצן וועט דאָרט אונדזער גבורה, אונדזער מוט!

ס׳וועט די מאָרגן־זון באַגילדן אונדז דעם היינט,
אונדזער נעכטן וועט פאַרשווינדן מיטן פיינט,
און אויב פאַרזאַמען וועט די זון און דער קאַיאָר —
ווי אַ פּאַראָל זאָל זיין דאָס ליד פון דור צו דור.

דאָס ליד געשריבן איז מיט בלוט, און נישט מיט בליי,
ס׳איז נישט קיין לידל פון אַ פויגל אויף דער פריי,
נאָר ס׳האָט אַ פאָלק צווישן פאַלנדיקע ווענט
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט.

טאָ זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
כאָטש הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג.
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה —
ס׳וועט אַ פּויק טון אונדזער טראָט: מיר זענען דאָ!

די געטאָ־מענטשן האָבן דערשפּירט מיטאַמאָל דעם גע־וואַלטיקן כּוח פונעם ליד; ס׳איז געווען אַ ליד, וואָס האָט אַזוי אָפן גערעדט וועגן **לעצטן וועג**; דער גורל פון לעצטן וועג האָט דאָך אַזוי געהאָנגען איבערן גאַנצן געטאָ, און אַלע האָבן דאָך אַזוי מורא געהאַט צו רעדן וועגן אים.

ס׳איז געווען אַ ליד, וואָס האָט אַזוי גערעדט וועגן דער **אויסגעבענקטער שעה**, און ווער האָט אין געטאָ נישט גע־וואַרט אויף דער דאָזיקער שעה?!

ס׳איז געווען אַ ליד, וואָס האָט גלייך זיך אַנטפּלעקט פאַר אַלעמען ווי אַן אָנזאָג פון אַן **אַל־יידישן אונטערערדישן הימן**: „פון גרינעם פּאַלמען־לאַנד — ביזן לאַנד פון ווייסן שניי״; אַלע האָבן גלייך דערפילט, אַז דאָ רעדט זיך פון גאַנצן יידישן פאָלק, אין אַלע זיינע ישובים; אַלע האָבן פאַרשטאַנען אין „גרינעם פּאַלמען־לאַנד״ — ארץ־ישראל, און אין „ווייסן לאַנד פון שניי״ — די יידן אין די רחבותדיקע אַמאָליקע ישובים פון סאָוויעט־רוסלאַנד, פּוילן, ליטע, אוקראַינע.

ס׳איז געווען אין ליד אַן אַרויסרוף צו דער גאַנצער וועלט: „מיר זענען דאָ מיט אונדזער פּיין, מיט אונדזער וויי!״. און ס׳איז געווען אינעם ליד דער באַוווסטזיין פון די נייע כּוחות, „ס׳וועט די מאָרגן־זון פאַרגילדן אונדז דעם היינט״; דאָס ליד האָט געאָטעמט מיטן באַגריף פון אומצעררייסבאַרקייט פון דורות: „ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פון דור צו דור!״. ס׳איז געווען אינעם ליד דער באַוווסטזיין פון די נייע כּוחות, וואָס האָבן אויפגעשפּראָצט אינעם פאָלק, דווקא אין די אומ־קום־טעג — די אונטערערד־כּוחות, און אַז זייער ליד וועט זיין דאָס ליד פון פאָלק: „נאָר ס׳האָט אַ פאָלק צווישן פאַלנ־דיקע ווענט דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעם אין די הענט״.

שוין אין די ערשטע ווערטער פונעם ליד: „זאָג נישט קיינמאָל״, האָט מען דערשפּירט אַן אונטערבאַוווסטזיניקן אָפּ־קלאַנג פון תנ״ך־אויסדרוקן („כּה תאמר לבני ישראל״, שמות

3, 14; "כה תאמר לבית יעקב", שמות 19, 3; „ואל העם הזה תאמר", ירמיהו, 21, 8, א. א. וו.; „אל תאמר נער אנכי", יר־מיהו, 1, 7 א. א. וו.).

דאָס אַלץ צוזאַמען האָט גיך פאַרוואַנדלט דאָס ליד אין הימן פון אונטערערד, און דאַן — אין הימן פון געטאָ; און שפּעטער — אין הימן פון די קאַצעטן, און נאָך שפּעטער — אין הימן פון דער שארית־הפליטה און פון די מעפּילים אויף זייערע העפּלה־שיפן.

ווען איז אנגעשריבן געוואָרן דאס ליד ?

עד היום איז נאָך נישט גענוי פעסטגעשטעלט געוואָרן ווען איז אָנגעשריבן געוואָרן דאָס ליד. וועגן דעם עקזיסטירן אייניקע וואַריאַנטן:

ש. קאַטשערגינסקי דערציילט אין זיין בוך „איך בין גע־ווען אַ פּאַרטיזאַן" (עמ. 108), אַז אין שאַוולער געסל פון גע־טאָ־ווילנע איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין דער נאַכט פון ערשטן מאַי 1943 אַן אָוונט א. נ. „פרילינג אין דער יידישער ליטעראַטור". פרילינג האָט געמיינט — דער ערשטער מאַי. (דער מחבר פון די שורות איז בייגעווען יענע „פרילינג"־פאַרזאַמלונג אין געטאָ, וואָס איז פאַקטיש געווען אַ צוזאַ־מענקום אין צוזאַמענהאַנג מיט די ידיעות וועגן רעוואָלט פון געטאָ־וואַרשע. עס באַשרייבן יענע פייערונג אויך א. סוצ־קעווער, ה. קרוק, רוזשקאַ קאָרטשאַק און דר. דוואָרזשעצקי אין זייערע זכרונות־ביכער וועגן געטאָ־ווילנע). קאַטשער־גינסקי דערציילט אַז דאָרט, אויפן אָוונט, איז צו אים צוגע־גאַנגען הירשקע גליק און דערציילט, אַז ער האָט אָנגעשריבן

אַ „ניי ליד", „וואָס זינגט זיך". אויף מאָרגן האָט ער אים פאַרגעלייענט דאָס ליד „זאָג נישט קיינמאָל". ער שרייבט אַזוי: „דער שטאַב פון דער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ האָט באַשלאָסן, אַז דאָס ליד זאָל ווערן אַ הימן פון די קעמפער. מען האָט שוין אָבער נישט געדאַרפט וואַרטן אויף אַ באַשלוס. דאָס ליד איז גיך פאַרשפּרייט געוואָרן אין געטאָ". לויט דער ווערסיע איז דאָס ליד געשאַפן געוואָרן אַן ערך דעם ערשטן מאַי 1943 נאָכן אָנקומען פון ידיעות וועגן וואַרשעווער געטאָ־רעוואָלט.

אַבאַ קאָוונער דערציילט אין זיין בריוו צו נ. מייזיל (דעם 20־טן יולי 1952), אַז דאָס ליד איז אָנגעשריבן געוואָרן אַ סך פריער. צום יאָרטאָג פון דער גרינדונג פון פ. פ. א. (פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע), דעם 9־טן יאַנואַר 1943, איז שוין דעמאָלט באַשלאָסן געוואָרן, אַז דאָס ליד זאָל זיין דאָס ליד פון פ. פ. אָ. אויף אַ זיצונג פון פּאַרטיזאַנער־שטאַב האָט איינער פון די חברים דערציילט, אַז אין דער אָרגאַניזאַציע זינגט מען אַן איינדרוקספול ליד פון הירשקע גליק. דעם זעלבן אָוונט האָט מען דאָס ליד געבראַכט אין שטאַב, און דאָס ליד האָט ביי אַלעמען אויסגענומען.

זשעניע בערקאָן דערציילט אין „ייוואָ־בלעטער" 1947, אַז די פּאַרטיזאַנערין סאָניע מאַדייסקער האָט דעם 15־טן יולי 1943 איר צום ערשטן מאָל געבראַכט און פאָרגעלייענט הירשקע גליקס ליד. דאָס איז געווען אַ טאָג ערב דעם טראַגישן „וויטענבערג־טאָג".

חיים לאַזאַר דערציילט, אַז יוסף גלאַזמאַן האָט דאָס ליד באַקומען פון הירשקע גליק נאָך אין לאַגער רעשע, ד. ה. פרילינג 1943 („חורבן ומרד").

איטע פּופּקאַ דערציילט (עדות, ז. 11-12), אַז דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן אין רעשע, נאָך אין יאָר 1942. דעם ניגון, לויט איר, האָט אים געהאָלפן צוקלייבן משה גורין [32].

די ווערסיע פֿון בערקאַן איז לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן די אַמוויינִיקסטן אַנגעמבאַרע. דער שרייבער פֿון די שורות געדענקט אַליין, אַז דאָס ליד איז געזונגען געוואָרן אין געטאָ אַ סך וואָכן פֿאַרן 16־טן יולי 1943.

בלייבט אָפֿן די פֿראַגע: ווען האָט הירשקע גליק אָנגעשריבן זיין „זאָג נישט קיינמאָל"? די תשובות גיבן אָן דאַטעס פֿון יאַנואַר 1942 ביז יולי 1943. עס וואָלט געווען גע־ווונטשן, אַז מענטשן, וואָס באַזיצן גענויערע פּרטים וועגן דער דאַזיקער דאַטע, זאָלן איבערגעבן דערוועגן דער עפֿנטלעכקייט. איז דער הימן געווען אַ רעזולטאַט פֿון דער אונטערערדישער באַוועגונג, וואָס איז אויפֿגעוואַקסן אין געטאָ־ווילנע און אַרומיקע טאָרף־לאַגערן? אָדער איז דאָס ליד געקומען אַלס רעזולטאַט פֿון די ידיעות וועגן געטאָ־אויפֿשטאַנד אין וואַרשע?

עס ווערן צוגעשריבן הירשקע גליקן פֿאַרשידענע לידער. איינס אַזאַ ליד, „לאָמיר שווייגן", ווערט געבראַכט אין קאַטשערגינסקיס בוך פֿון געטאָ־לידער. דאָרט ווערט געשריבן: „מחבר — הירש גליק(?), לאַגער קלאָגע, עסטלאַנד". ס'איז כמעט נישט וואַרשיינלעך, אַז הירשקע גליק איז דער מחבר; ער איז דרך־אגב נישט דעפּאָרטירט געוואָרן אין קאַצעט קלאָגע.

לאַסטיק, פֿון וואַרשע, שרייבט אים צו דאָס ליד „ס'האָט אונדז דאָס לעבן גערופֿן" (אַ ליד וואָס רופֿט זיך ביי פֿאַרשיידענע מחברים פֿון זכרונות־ביכער אויך מיט די נעמען „צו איינס, צוויי, דריי" אָדער „ביים געטאָ־טויער"). עס איז אָבער אַ טעות; דער מחבר פֿון די שורות געדענקט, אַז דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן דורך לייב ראָזענטאַל, און געזונגען געוואָרן דורכן אַרטיסט יעקב בערגאַלסקי.

עס זענען אָנגעקומען די ליקווידאַציע־טעג פון געטאָ־ווילנע, אין סעפּטעמבער 1943; אַן ערך 10.000 יידן זענען אַרויסגעפירט געוואָרן פון געטאָ־ווילנע, אין קאַצעטן פון עסטאָניע; צווישן די אַרויסגעפירטע איז אויך געווען אַ גרופּע פאַרטיזאַנער (צווייטער באַטאַליאָן פון פ. פ. אָ.), וואָס איז פאַרכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן אויף שפּיטאָל־גאַס נר. 6, און צווישן זיי — אויך הירשקע גליק. אין יענעם טאָג זענען די דאָקטוירים פון געטאָ־שפּיטאָל אַרומגערינגלט געוואָרן פלוצים דורך דער פּאָליציי און אַרויסגעפירט געוואָרן פון געטאָ צום טראַנספּאָרט קיין עסטאָניע. צווישן זיי — אויך דער שרייבער פון די שורות.

אַזוי אַרום האָב איך זיך געפונען אין זעלבן באַן־טראַנספּאָרט מיט הירשקע גליקן. דער טראַנספּאָרט האָט געפירט דורך ליטע, לאַטוויע (ריגע) קיין עסטלאַנד, צום גרויסן שטאַם־לאַגער וואַיוואַראַ. ס׳איז געווען אַן עינויים־וועג פון אייניקע טעג הונגער, דורשט און געפּערלעכער ענגשאַפט. די מענטשן זענען געפירט געוואָרן צו הונדערט אין אַ וואַגאָן.

וועגן גורל פון הירשקעס עלטערן און שוועסטער דערציילט איטע פּופּקא, אַז זיין גאַנצע משפּחה איז אַרויסגעפירט געוואָרן בשעת דער געטאָ־ליקווידאַציע. דער מחבר פון די שורות האָט געהערט פון אייניקע געוועזענע קאַצעטלער, אַז הירשקעס טאַטע האָט זיך געפונען אין קלאָגע.

פרוי פּופּקא (עדות ז. 14) דערציילט: „איך ווייס, אַז אין געטאָ האָט ער געהערט צו דער גרופּע, וואָס האָט געוואָלט קעמפן. אויף סטראַשונאַ האָבן זיי זיך פאַרמאַכט מיט געווער, אין טויער, און האָבן באַשלאָסן צו קעמפן. איך אַליין האָב צו אים געזאָגט: גיי אין פאַרטיזאַנקע! האָט ער געענטפערט, אַז ניין, ער וויל פאַלן מיט אַלע יידן: „כ׳וויל נישט גיין אין פאַרטיזאַנקע זיך אַליין ראַטעווען, כ׳וויל פאַלן

מיט אַלע יידן צוזאַמען". אַזוי האָט זי פאַרגעדענקט זיינע ווערטער.

דאָ הייבט זיך אָן דער אומבאַקאַנטער קאַצעטן־קאַפּיטל פון הירשקע גליק; אַ קאַפּיטל פון שאַפונגען אין לאַגער, אַ קאַפּיטל פון לעצטן וועג פון דעם, וואָס האָט געזונגען „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דיין לעצטן וועג!".

קאפיטל פיר

הירשקע גליקס שאפונג
אין די עסטישע קאצעטן

שטאָם־לאַגער — וואַיוואַראַ

וואַיוואַראַ איז געווען דער צענטראַלער לאַגער פון עסט־לאַנד. פון וואַיוואַראַ האָט מען די מענטשן צעשיקט אין פאַר־שידענע אַרבעטס־לאַגערן. די לאַגער־מענטשן פלעגן אָפט איבערגעשיקט ווערן פון לאַגער צו לאַגער, הן צוליב די אַר־בעטס־נאָכפראַגן פון די קאַצעטן, הן צוליב דעם פחד פון די דייטשן, טאָמער וועלן די קאַצעטלער זיך צוגעוווינען צו זייער סביבה און שאַפן קאָנטאַקטן מיט די עסטאָניער פון אומגעגנט; דאָס וואָלט געקאָנט פירן צו אַן אונטערערדישער באַוועגונג צווישן די קאַצעטלער.

פון וואַיוואַראַ האָט מען מיך געשיקט אין וויוויקאָני 1; דערנאָך ווידער קיין וואַיוואַראַ. און שפּעטער אין קורעמע (דורך יעוויע); פון קורעמע האָט מען אונדז געפירט צופוס במשך אייניקע טעג צום לאַגער גאָלדפילץ.

ענדע זומער 1944 — הירשקע אין קאַצעט גאָלדפילץ

אַ געוויסן טאָג האָט מען געבראַכט אין גאָלדפילץ אַ גרופּע יידן פון לאַגער אַזאַרי; צווישן זיי — הירשקע גליק. עס איז געווען סוף זומער 1944.

ער האָט מיר דעמאָלט דערציילט, אַז ער האָט דורכגע־מאַכט די לאַגערן נאַרוואַ, קיוויאַלי, אַזאַרי. ער האָט מיר אויך דערציילט וועגן זיינע שמועסן מיטן שרייבער זעליק הירש קאַלמאַנאָוויטש אין לאַגער נאַרוואַ, וועגן לידער און פּאָעמעס וואָס ער, הירשקע, האָט געשריבן אין די לאַגערן, וועגן דער קולטור־אַרבעט, וואָס יידן האָבן געפירט אין די לאַגערן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט.

מיר האָבן זיך זייער געהיט, אַז די דייטשן זאָלן זיך נישט דערוויסן, אַז צווישן אונדז געפינט זיך דער מחבר פון פּאַרטיזאַנער־הימן... נישט קיין סך אָוונטן האָבן מיר דורכגע־מאַכט אין זעלבן לאַגער. אין יענע אָוונטן, ווען מיר פלעגן זען, אַז אונדזערע ס.ס.־לייט זענען שוין שיכור, פלעגן מיר אויסברעכן אויף די לאַגער־פּריטשן מיטן געזאַנג „זאָג נישט קיינמאָל". זעלטן־ווער, אַפילו פון יידן, האָט געוווסט, אַז צווישן אונדז געפינט זיך דער מחבר פונעם ליד, דער שטילער הירשקע גליק.

אין גאָלדפילץ האָט מיר הירשקע גליק דערציילט, אַז אין לאַגער נאַרוואַ האָט ער אָנגעשריבן אַ פּאָעמע א. נ. „אין גהינום אָרום לענינגראַד". ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז אין נאַרוואַ האָט ער אָנגעשריבן אייניקע סאַטירישע לידער, געבונדענע מיטן לאַגער־לעבן.

געוועזענע לאַגערניקעס דערציילן וועגן הירשקע גליק

כ'וועל איצט דערציילן אייניקע פּרטים וועגן הירשקע גליק אין די לאַגערן, לויט דעם ווי עס האָבן מיר דערציילט אייניקע געוועזענע לאַגערניקעס פון עסטלאַנד: מיין חבר פון ווילנע, פון געטאָ און קאַצעטן אריה שעפּטעל (היינט אין ישראל, ראָש־העיר פון ראשון לציון; איצט לייטער פון ברית עברית עולמית)[33]; אריה אָרבאַך (דורכגעמאַכט געטאָ־וויל־

נע, עסטאָנישע קאַצעטן, אַנטלאָפן פון לאַגער גאָלדפּילץ אין וואַלד; היינט — אין דער ישראל־פּאָליציי, אָפּטיילונג פון אויפזוכן די נאַצי־פאַרברעכער); סימע סקורקאָוויטש (פון ווילנער „מאדים״, דורכגעמאַכט געטאָ־ווילנע און עסטאָני־שע לאַגערן; היינט — אין ישראל; אַ לענגערע צייט געווען פאָרלייענערין אין די יידיש־אוידיציעס פון „קול ישראל)[35].
כ׳וועל אויך דערגענצן מיט עדות־זאָגונגען פון „חורבן ווילנע״ (שמערקע קאַטשערגינסקי)[36]. איך וועל דערביי אויך צו־געבן מיינע פּערזענלעכע זכרונות[37].

די אַלע זכרונות פון פאַרשידענע מקורות דערגענצן זיך און פאַרפולקאָמען אונדזערע ידיעות וועגן הירשקע גליק אין די קאַצעטן און וועגן זיין אַרויסגיין אין וואַלד. זיי לאָזן, ליי־דער, איבער נאָך אַ ריי אומקלאָרע מאָמענטן וועגן זיין גורל אין וואַלד: ווען? צוזאַמען מיט וועמען? און ביי וועלכע אומ־שטענדן ער איז אומגעקומען? דאָס פאָדערט נאָך ווייטערע פאָרשונגען. איך וועל זיין דאַנקבאַר יעדן איינעם, וואָס וועט קענען צוגעבן וועלכע עס איז פּרטים וועגן הירשקע גליק אין די קאַצעטן און וואַלד.

הירשקע גליק אין קאַצעט נאַרוואַ

דער לאַגער נאַרוואַ האָט זיך געפונען אויסער דער שטאָט נאַרוואַ, ביי דעם טייך נאַרוואַ.

אין נאַרוואַ האָבן זיך געפונען אַן ערך 2.000 ווילנער יידן, צווישן זיי — הירשקע גליק, זעליק הירש קאַלמאַנאָ־וויטש, אריה שעפּטעל, אינזש. ברוידא, דר. אבעל קשע־מיאַנסקי, דער דיכטער כתריאל ברוידא, די שוישפּילער פּיוור־קע און מאַרעק שאַפּיראָ, יצחק ווירשופּ (איצט פּראָפ. פון מאַטעמאַטיק אין אַמעריקע).

אין נאַרוואַ זענען געווען פינף בלאָקן. אין בלאָק 5 האָט

געוווינט הירשקע גליק און כתריאל ברוידא. אין בלאָק 5 האָט זיך אויך געפונען אריה אָרבאַך.

די לעבנס־באַדינגונגען זענען געווען אומדערטרעגלעכע. ווי מען דערציילט, זענען במשך 2־3 חדשים אומגעקומען דאָרטן 300 לאַגערניקעס פון טיפוס און דיזענטעריע.

אריה אָרבאַך דערציילט:

הירשקע גליק האָט אין נאַרוואַ געאַרבעט ביי גראָבן בונקערס און ביי כל המינים האָלץ־אויסאַרבעטונגען. ער פלעגט שטענדיק אַרומגיין פאַרטראַכט.

איינציקע מאָל אַ וואָך אין די אָוונטן, נאָך דער אַרבעט, פלעגט הירשקע גליק זיך נוהג זיין פאַרצולייענען זיינע לי־דער, וואָס ער האָט פאַרפאַסט אינעם לאַגער.

צווישן זיי דערמאָן איך זיך: „דער רויש פון מאָטאָ־ציקל" (וועגן לאַגער־פירער פאַניקע, וואָס פלעגט אָנקומען אין לאַגער אויף אַ רוישיקן מאָטאָציקל); לידער וועגן ווילנע, לידער וועגן „מאַלינעס" (באַהעלטענישן). הירשקע גליק פלעגט זיצן אויף דער נאַרע, און אַלע פלעגן שטיין אַרום (אפשר ביז אַ הונדערט מאַן) און צוהערן די לידער.

סימע סקורקאָוויטש דערציילט ענלעכע פּרטים:

צוליב דעם הונגער, וואָס האָט געהערשט אין לאַגער, פלעגט הירשקע גליק „אַרויסגליטשן" זיך פון דער אַרבעט, און פלעגט ווי אַנדערע קאַצעטלער, אַרומגיין אין די דערביי־איקע דערפער מיט אַ זייט־זאַק, און קריגן ביי די אַרומיקע עסטישע פויערים אַ ביסל עסן, ברויט, קאַרטאָפל. ער האָט זיך גוט געהאַלטן, און נישט געווען צוזאַמענגעבראָכן, ווי אַ סך אַנדערע קאַצעטלער, אויף וועלכע די לאַגער־באַדינגונגען האָבן געווירקט דערדריקנדיק. ער פלעגט אָפט פאַרלייענען אַ ליד געווידמעט דעם לאַגער־פירער, דעם ס.ס.־מאַן קורט פאַניקע. דאָס ליד האָט זיך אָנגעהויבן מיט: „אַ גרילץ פון מאָטאָציקל".

הירשקע גליק אויף אַ חנוכּה־אָוונט אין נאַרוואַ

אַריה אָרבאַך געדענקט וועגן אַ חנוכּה־אָוונט אין קאַצעט נאַרוואַ, יאַנואַר 1944. עס האָט זיך אין אים באַטייליקט הירשקע גליק מיט לידער וועגן אַמאָל...

וועגן זעלבן חנוכּה־אָוונט, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט סיי הירשקע גליק און סיי דער באַקאַנטער שרייבער, פּאָרזיצער פון פּען־קלוב אין דער יידישער ווילנע, זעליק הירש קאַלמאַנאָוויטש, און וועגן דער לאַגער־מנורה, וואָס איז דאָרט אויפגעבויט געוואָרן פון גאָפּלען, מעסערס און לעפלען — ווערט דערציילט אין אַן עדות זאָגן פון מאיר סליווקין (ש. קאַטשערגינסקי, „חורבן ווילנע", עמ. 109־110; פאַרשריבן דורך ש. ק. 1־טן יולי 1945).

מאיר סליווקין דערציילט:

אין יאַנואַר 1944, חנוכּה־צייט, האָבן מיר זיך געפונען אין דריטן באַראַק פון נאַרוועער לאַגער. לויט דער איניציאַטיוו פון דיכטער הירש גליק, האָבן 300 געפאַנגענע באַשלאָסן צו מאַכן אַ חנוכּה־אָוונט. מיט דער הילף פון די עלטסטע פון באַראַק: גרישע מאַרקמאַן, מאיר שאַפּיראָ און מישע נאַטאַנזאָן, האָט מען זיך צו דעם אָוונט ספּעציעל געגרייט, געמאַכט אַ כאָר און צוגעגרייט רעציטאַציעס. דער באַקאַנטער ווילנער גראַוויאָר מאַריץ ליפּשיץ, האָט פון גאָפּל, לעפל און מעסער אויפן וואַנט געמאַכט אַ מנורה. ליכט האָבן מיר געבראַכט פון דער אַרבעט. דאָס ערשטע ליכטל האָט געבענטשט דער האַלץ־סוחר צוקערמאַן. אַכט אַ זייגער האָט זיך אָנגעהויבן דער אָוונט. גערעדט האָט קאַלמאַנאָוויטש ביי אַ האַלבער שעה. ער האָט גערעדט וועגן אונדזער טרויעריקער לאַגע, און האָט אונדז געגעבן האָפענונג, אַז מיר וועלן סוף כּל סוף אַלץ איבערלעבן. מען האָט געדאַוונט מעריב, געבענטשט חנוכּה־ליכט. קאַלמאַנאָוויטש האָט ווייטער גערעדט. גליק

האָט געלייענט צוויי גרויסע לידער, ווו ס'איז געווען גע־זאָגט, אַז גאָר אינגיכן וועלן מיר דערלעבן די צייט, ווען די דייטשן וועלן אַפּטרעטן, און זיי וועלן וואַרפן זייער „העקל־פּעקל", און זיך נאָך בעטן ביי אונדז, מיר זאָלן דאָס פון זיי צונעמען. נאָכדעם ווי דער מענער־כאָר פון 8 מאַן (קאַץ,אַק־טיאָרן פּימע און מאַרעק שאַפּיראָ, כתריאל [ברוידא] און אַנ־דערע) — האָט געזונגען לידער פון געטאָ און פאָלקס־לי־דער, האָט מען זיך געזעצט צום יום־טוב עסן, וואָס איז באַ־שטאַנען פון קאַווע און שטיקלעך ברויט, דין באַשמירט מיט פּוטער.

„אין גהינום ארום לענינגראד"

(פּאָעמע פון הירשקע גליק געשריבן אין קאַצעט נאַרוואַ)

מיין חבר לייב שעפּטעל דערציילט מיר פאָלגנדיקע פּרטים וועגן הירשקע גליקס פּאָעמע „אין גהינום אַרום לענינ־גראַד", וואָס ער האָט מחבר געווען אין נאַרוואַ:

די מענטשן זענען געוואָרן אין נאַרוואַ שוואַכער פון טאָג צו טאָג, צוליב הונגער, שווערער אַרבעט, מאַנגל פון רו, קראַנקייטן, און שווערע לעבנס־באַדינגונגען. עס האָבן זיך אָנגעהויבן טויט־פאַלן, „נאַטירלעכע טויט־פאַלן". די מתים פלעגן פאַרברענט ווערן אין אַן אויוון, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ קעלער, אונטער דער בעטאָן־פאָדלאָגע פון אונדזער באַראַק. דער באַראַק האָט זיך געפונען אין אַ פוסטן לאָקאַל פון אַ פאַבריק. דער אויוון פון קעלער, אונטער דער בעטאָן־פאָדלאָגע פון אונדזער באַראַק, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קרעמאַטאָריע צו פאַרברענען אונדזערע מתים.

די לאַגערניקעס זענען געווען געצווונגען אַראָפּצוטראָגן די מתים און בייצווזיין ביי דער פאַרברענונג. די לאַגערניקעס פלעגן אָפּט פאַרוואַנדלען דאָס פאַרברענען דעם מת אין אַ כבוד-צערעמאָניע און אין אַ טרויער-אָפּשייד פון חבר-צום-ליידן. מען פלעגט דערביי זאָגן קדיש. מיר איז אויך אויסגע-קומען בייצווזיין ביים פאַרברענען די ערדישע רעשטלעך פון זעליק הירש קאַלמאַנאָוויטש.

איינמאָל האָט מיר הירשקע גליק געזאָגט, אַז ער שרייבט אַ פּאָעמע וועגן טרויער-לעבן אין לאַגער נאַרוואַ (וואָס האָט זיך געפונען גאַנץ נאָענט פון לענינגראַד). ער וועט די פּאָע-מע אָנרופן: „אין גהינום אַרום לענינגראַד". ער וואָלט וועלן, אַז איינער פון די קאַפּיטלען פון דעם גהינום זאָל זיין געווידמעט דעם קרעמאַטאָריע-קעלער אין נאַרוואַ. דעריבער וואָלט ער טאַקע וועלן זיין אָנוועזנדיק ביי אַזאַ פאַרברענען פון אַ לאַגער-מת אין לאַגער-קרעמאַטאָריע. איך האָב דאָס אים דערמעגלעכט און מיר זענען ביידע בייגעווען ביי אַזאַ מת-פאַרברענונג. הירשקע גליק האָט נאָכדעם אָנגעשריבן דעם קרעמאַטאָריע-קאַפּיטל פון זיין פּאָעמע „אין גהינום אַרום לע-נינגראַד".

הירשקע גליק אין קאַצעט קיוויאלי
אַ סאַטיריש ליד: „אַ בריוו פון האַנס צו מאַרטען"

אריה אַרבאַך דערציילט, אַז צוליב דער סאָוויעטישער אָפענסיווע קעגן די דייטשן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין פרילינג 1944 אויפן שטח פון עסטאָניע, האָט דער קאַצעט נאַרוואַ געמוזט זיך פלוצים עוואַקוירן, אין אַ פינצטערער אייז-קאַלטער נאַכט. עס איז געווען אַן ערך פעברואַר 1944.

אין אַ דערמאַטערנדיקן פוס-מאַרש, איז מען דערגאַנ-גען צו קיוויאלי; דאָרט זענען די געוועזענע לאַגערניקעס פון

נאַרוואַ אָפּגעוועזן עטלעכע חדשים (צווישן זיי אויך הירשקע גליק). מען האָט דאָרט געבויט אַ צעמענט־פֿאַבריק. אין לאַגער זענען געווען אַ פּאָר הונדערט מאַן, ווילנער און קאָוונער יידן.

סימע סקורקאָוויטש דערציילט, אַז אין לאַגער קיוויאַלי פֿלעגן אָפּט איינגעאָרדנט ווערן א. ג. „ליטעראַריש־קינסט־לערישע אָוונטן". ווען דער דייטשער לאַגער־פֿירער פֿלעגט נישט זיין אין לאַגער, פֿלעגן די קאַצעטלער זיך צונויפֿקלייבן אין „מענער־בלאָק", און הירשקע גליק פֿלעגט זיי פֿאָרלייענען זיינע לידער. די געטאָ־אַרטיסטן און דיכטער ווי פּימקע שאַפּיראָ, כתריאל ברוידא און אַנדערע, פֿלעגן אויפֿזינגען געטאָ־לידער ווי אויך לידער פֿון פֿאַרשידענע יידישע דיכטער. הירשקע גליק פֿלעגט דאָרט אויך פֿאָרלייענען זיינס אַ סאַטיריש ליד „אַ בריוו פֿון האַנס צו מאַרטען", ווו ס'איז געמאָלן געוואָרן די צוקונפֿטיקע מפּלה פֿון דייטשלאַנד, און דאָס צוקונפֿטיקע בהלה־אַנטלויפֿן פֿון דייטשן מיליטער.

אין קאַצעט אַזאַרי באַפֿעלט דער ס.ס.־מאַן פּאַניקע צו זינגען „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דיין לעצטן וועג!"

אָנהויב זומער, אַפּריל 1944, זענען „די נאַרוועער" אַרויסגעשיקט געוואָרן פֿון קיוויאַלי — קיין אַזאַרי. דאָרט איז ווידער אויפֿגעשטעלט געוואָרן אַ קאַצעט פֿאַר די פּאָר הונדערט יידן (בעיקר ווילנער). דער לאַגער־פֿירער איז ווידער געווען פּאַניקע.

דאָרט האָט דער ס.ס.־הויפּט־אַרצט פֿון די לאַגערן אין עסטלאַנד, דר. פֿאָן באָטמאַן, דורכגעפֿירט אַ סעלעקציע צום טויט. עס זענען געפֿאַלן קרבנות 10 פּראָצענט פֿון לאַגער, פֿרויען און קינדער, וועגן וועלכע מען האָט דערציילט, אַז זיי זענען פֿאַרשיקט געוואָרן צו דערשיסונג אין ערעדאַ.

אריה אָרבאַך דערציילט, אַז הירשקע גליק האָט דאָרט געאַרבעט ביי שווערע אַרבעט. די סאָוויעטישע אָפּענסיווע איז געגאַנגען אין עסטאָניע פאָרויס און אין אַ געוויסן זומער־טאָג, יולי־אויגוסט 1944, איז פּלוצים פאַראָרדנט געוואָרן די עוואַקואַציע פון אַזאַרי און אַ פוס־מאַרש צום לאַגער גאָלד־פילץ. גייענדיק פון אַזאַרי נאָך גאָלדפילץ, האָט דער לאַגער־פירער פאַניקע פאַראָרדנט די קאַצעטלער צו זינגען אַלס מאַרש־ליד די ווערטער פון „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דיין לעצטן וועג” (פאַניקע האָט אָפּט געהערט זינגען דאָס ליד אין די יידישע לאַגערן פון עסטאָניע; ער האָט נישט גע־קענט אַפילו חושד זיין, אַז דער מחבר פון ליד איז איינער פון די לאַגערניקעס...).

אַזוי האָט הירשקע גליק דורכגעמאַכט זיין וועג: טאָרף־לאַגערן, געטאָ־ווילנע, און די עסטישע קאַצעטן — נאַרוואַ, קיוויאָלי, אַזאַרי, ביז זיין לעצטן לאַגער גאָלדפילץ. פון דאַנען האָט געפירט זיין לעצטער וועג — צום וואַלד...

קאפיטל פינף

דער לעצטער וועג פון הירשקע גליק

די יידישע אונטערערדישע באַוועגונג אין די קאַצעטן אין עסטלאַנד

אין די קאַצעטן פון עסטלאַנד זענען אַרויסגעפירט געוואָרן אַן ערך 10.000 יידן פון געטאָ־ווילנע (פון 6־טן אויגוסט 1943 — ביזן טאָג פון געטאָ־ליקווידאַציע, דעם 23־טן סעפּטעמבער 1943) [38] און אַן ערך 2.800 יידן פון געטאָ־קאָוונע (אַרויסגעפירט דעם 26־טן אָקטאָבער 1943) [39]. עס האָבן זיך אין די קאַצעטן פון עסטאָניע אויך געפונען יידן פון טשעכיע. 1.000 יידן פון טערעזיענשטאַט זענען אַרויסגעפירט געוואָרן דעם 1־טן סעפּטעמבער 1942 און געבראַכט געוואָרן קיין עסטאָניע. די אַלטע, קראַנקע און שוואַכע זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן אין קאַלוויליווע [40] צום דערשיסן; די יינגערע זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן אין לאַגער יאַגאַלאַ. דעם 25־טן סעפּטעמבער 1942 איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ טראַנספּאָרט יידן פון רייך קיין עסטאָניע (אַן ערך 1.500 יידן פון בערלין און פראַנקפורט). אויך זיי זענען אָנגעקומען קיין ראַסיקאַ. 90 פּראָצענט זענען אָפּגעשיקט געוואָרן צום טויט אין קאַלוויליווע און די איבעריקע — אין לאַגער יאַגלאַ [41]. ווען עס זענען אין אויגוסט — אָקטאָבער 1943 אָנגעקומען די

יידישע טראַנספּאָרטן פון ליטע (ווילנע, קאָוונע), זענען פון די יאַגאַלאַ־לאַגערניקעס איבערגעבליבן ביים לעבן אַן ערך פופ־ציק מאַן. עס האָבן זיך אין די עסטישע קאַצעטן אויך געפונען יידן געבראַכטע פון דייטשלאַנד (אפשר אָנגעקומען מיטן טראַנספּאָרט פון טערעזיענשטאַט?) [41], ווי אויך יידן פון אונגאַרן (אָנגעקומענע אין עסטלאַנד אָנהויב 1944; אייניקע פון זיי האָבן דערציילט, אַז מען האָט זיי געפירט פון טראַנסילוואַניע קיין אוישוויץ, און פון אוישוויץ קיין עסטלאַנד) [42].

אין די עסטישע לאַגערן האָבן זיך געפונען געוויסע מיטגלידער פון די אונטערערדישע גרופּן פון געטאָ־ווילנע: „פ. פּ. אָ.״ [43] („פּאַראייניקטע פּאַרטיזאַנען־אָרגאַניזאַציע״) און „קאַמפּס־גרופּע יחיאל״ [44]. אומעטום האָבן זיי פּרובירט פון דאָס ניי אויפשטעלן, אויפן עסטישן באָדן, קערנס פון אַ ווידערשטאַנד־באַוועגונג, זוכן וועגן ווי אַזוי צו אַנטלויפן אין וואַלד, אָנבינדן קאָנטאַקטן מיט פּאַרטיזאַנער אין עסטישע וועלדער (רוסן אָדער עסטאָנער).

מיר פּערזענלעך איז באַקאַנט וועגן דער עקזיסטענץ פון אַזעלכע אונטערערדישע גרופּן אין וואַיוואַרי, נאַרוואַ, סאַסקי, קורעמע, וויוויקאָני, ערעדע, גאָלדפּילץ און קלאָאגאַ [46].

די לאַגער־באַדינגונגען פלעגן אָפּט צעשטערן אַלע פּרוון און איניציאַטיוון און מבטל מאַכן אַלע אָנגעבונדענע קאָנטאַקטן. איינע פון די סיבות, וואָס האָבן דערצו געפירט, זענען געווען די שטענדיקע איבערוואַנדערונגען און דעפּאָרטאַציעס פון די לאַגערניקעס — אַ חוץ דעם געוואַלטיקן דייטשן טעראָר אין די לאַגערן און דער טויט־געפאַר, אויב די אונטערערדישע גרופּע וועט, חלילה אויפגעדעקט ווערן.

די דאָזיקע אָנזופיקע איבערוואַנדערונגען זענען אָפּט אַרויסגערופן געוואָרן אין עסטלאַנד (ווי אין אַנדערע לענ־

דער) דורך אַקטועלע נויטווענדיקייטן פון דער דייטשער מאַכט, ווי בויען פאַבריקן, בויען נייע שאָסייען, בויען נייע באַן־ליניעס וכדומה. זיי זענען אויך אַרויסגערופן געוואָרן דורך מיליטערישע אָפעראַציעס פון די אַרמייען, וואָס האָבן באַקעמפט דייטשלאַנד, (למשל, אין עסטאָניע: די סאָוויעטישע אָפענסיווע אויפן באַלטיקום, און דער אָפטריט פון די דייטשע חיילות). עס זענען אָבער געווען אַ סך איבערוואַנדערונגען, וועלכע זענען אונדז, אין אונדזערע „עסטישע טעג״, אויסגעקומען אומנויטיק און אומזיניק, אַפילו כלפי די דייטשן. די דאָזיקע „אומלאָגישע איבערוואַנדערונגען״ האָבן געהאַט זייער טיפע נאַציִשע באַגרינדונג: נישט דערלאָזן, אַז די לאַגערניקעס זאָלן זיך צוגעוווינען צו זייערע אַרבעטס־פלעצער, בכדי נישט קענען שאַפן קיין קאָנטאַקטן מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג בכלל, און מיט די פאַרטיזאַנער בפרט.

אַזוי אַרום איז אויך מיר אויסגעקומען במשך פון מיין פאַרשיקט זיין אין די קאַצעטן פון עסטלאַנד (סעפטעמבער 1943 — אָקטאָבער 1944), דורכמאַכן פאָלגנדיקע איבערוואַנדערונגען: אַ זעקס וואָכן אין וואַיוואַראַ, אייניקע טעג אין וויוויקאַני 1 און וויוויקאַני 2, אַ נאַכט אין יעוויע, אייניקע חדשים אין קורעמע, אייניקע חדשים אין גאָלדפילץ, דריי וואָכן אין לאַגעדי, און פון דאָרטן — אויף שיפן איבערן באַלטישן ים — צום קאַצעט שטוטהאָף.

איך האָב אָנגעהערט צו די אונטערערדישע גרופן, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין וואַיוואַראַ, קורעמע, גאָלדפילץ, לאַגעדי; און כ׳בין אַן עדות ווי די גרופן פלעגן זיך פלוצים צעפאַלן צוליב די פלוצימדיקע פאַנאַנדערשיקונגען פון די חברים איבער נייע לאַגערן, און אויך אַן עדות פון תמיד נייע אָנהויבן, און תמיד נייע זוכונגען פון קאָנטאַקטן מיטן וואַלד.

„אָרגאַניזירטע" און „ספּאָנטאַנע" פאָרמען פון דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג אין די קאַצעטן פון עסטאָניע

די געוועזענע מיטגלידער פון דער אונטערערדישער באַוועגונג אין געטאָ-ווילנע, פלעגן זיך באַמיען אָנצוהאַלטן קאָנטאַקטן איינער מיטן אַנדערן, און האָבן אויך געוואָלט זען אין די אונטערערדישע באַוועגונג אין עסטלאַנד אַ מין „המשך" פון ווילנער געטאָ-אונטערערד. עס זענען אָבער געווען אַ סך לאַגערניקעס, וואָס האָבן אין געטאָ-ווילנע נישט געוווּסט פון די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, און האָבן דאָ, אין עסטלאַנד, בשעת דער אַרבעט אין די וועלדער, פאַבריקן, אויף די שאָסייען, אָדער ביים אויפרייסן די בערג, באַוויזן צו שאַפן קאָנטאַקטן מיט דער עסטישער באַפעלקערונג. אַנדערע פון זיי האָבן אויסגעפונען פּלעצער ווו צו קענען אַנטלויפן אין אַ סכנה-צייט, אַנדערע ווידער איז געלונגען (אָדער אפשר זיך נאָר געדוכט...) אָנצובינדן קאָנטאַקטן מיט עסטישע פּאַרטיזאַנער...

ס'איז שווער דעריבער צו רעדן וועגן אַן אָרגאַניזירטער און קאָנצענטרירטער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג אין די עסטישע לאַגערן, אַ באַוועגונג בראָש פון וועלכער ס'איז געשטאַנען אַ הויפּט-קאָמאַנדע.

עס איז אפשר ריכטיק צו רעדן וועגן אַ ספּאָנטאַנער אונטערערדישער באַוועגונג, וואָס איז געווען תמיד אין וועג פון שאַפן זיך, פון זוכונגען און פון צעפאַלן זיך. דעריבער איז אויך געווען אַן אָפטע דערשיינונג, אַז אין זעלבן לאַגער האָבן געקאָנט עקזיסטירן עטלעכע אומאָפּהענגיקע אונטערערדישע גרופּן, וואָס האָבן, צוליב די ספּעציפישע לאַגער-באַדינגונגען פון קאָנספּיראַציע, אַפילו נישט געוווּסט איינע פון די אַנדערע; און וואָס האָבן יעדע אויף אייגענער האַנט געזוכט וועגן צום וואַלד.

אַזעלכע צאָלרייכע און נישט קאָאָרדינירטע אונטערער־דישע גרופּן זענען אַנטשטאַנען אין קורעמע, ווינטער 1943, און אין גאָלדפּילץ, זומער 1944.

קלאַנגען, האָפענונגען און טרויעריקע פּאַראַנונגען אין די עסטישע קאַצעטן, זומער 1944

זומער 1944, האָבן זיך פלוצים אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אין די עסטישע קאַצעטן ידיעות און קלאַנגען וועגן נייע סאָוויעטישע אָפענסיוועס קעגן די דייטשן, און וועגן נייע דייטשע מפּלות. די דאָזיקע קלאַנגען פלעגן אַרויסרופן אויפשטורע־מונגען פון געפילן, באַנייטע האָפענונגען אויף באַלדיקע דער־לייזונג, ווי אויך שווערע פּאַראַנונגען און מורא־געפילן, אַז די דייטשן וועלן איינאָרדענען אַ מאַסן־שחיטה פון די לאַגער־ניקעס, אויפן שוועל פון דער דערלייזונג.

לאַגערניקעס פלעגן אַרבעטן אויף פאַרשידענע איינ־הייטן; אַמאָל פלעגן זיי פלוצים געפינען אַ שטיקל צעריסענע דייטשע צייטונג, וואָס אַן ס.ס.־מאַן האָט פאַרגעסן; אַמאָל, אַרבעטנדיק אין אַ דייטשן אַרבעט־וואַרשטאַט, פלעגן זיי דער־הערן אַ דייטשע ראַדיאָ־אווידיציע; אַמאָל פלעגט אַ יידישער ראַדיאָ־טעכניקער גערופן ווערן צו פאַריכטן אַ ראַדיאָ, און ער פלעגט דערביי אויספּרוון סטאַציעס, און גלייכצייטיק אויך עפּעס אויפכאַפּן. — אַזוי צי אַזוי, ידיעות פלעגן זיך פלוצים צעגיסן איבער די לאַגערן.

אַזוי האָט מען אין „מיין" לאַגער גאָלדפּילץ שוין גע־ווּוסט, אָנהויב יוני 1944, אַז רוים איז פאַרנומען; סוף יוני 1944 האָט מען געוווּסט וועגן דער באַפרייאונג פון וויטעבסק, מאָגילעוו; אָנהויב יולי — וועגן דער באַפרייאונג פון בראָי־סאָוו, סטאָלפּץ, ניעסוויעזש, מאָלאָדעטשנע, באַראַנאָוויטש.

דעם 14־טן יולי 1944, האָט מען אין גאָלדפּילץ דערציילט, אַז נעכטן, דעם 13־טן יולי, איז ווילנע באַפרייט געוואָרן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע סאָוויעטישע אָפענסיווע, בכדי צו באַפרייען די באַלטישע לענדער. עטלעכע טעג שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן צו שפּרייטן ידיעות וועגן דער באַפרייאונג פון פינסק, וואָלקאָוויסק, גראָדנע.

דעם 21־טן יולי 1944 האָבן אַלע לאַגערניקעס אין גאָלדפּילץ זיך איבערגעגעבן בסודי־סודות די ווילדסטע און פאַנטאַסטישסטע ידיעות וועגן אַ אַטענטאַט אויף היטלערן. אייניקע טעג שפּעטער זענען אָנגעקומען ידיעות וועגן דער באַפרייאונג פון פּאָנעוועזש (ליטע), פּסקאָוו, לובלין, לעמבערג, סטאַניסלאַוואָוו.

ענדע יולי 1944 האָט מען זיך דערציילט, אַז עס איז געפאַלן די עסטישע שטאָט נאַרווע. אָנהויב אויגוסט האָט מען דערציילט, אַז אויך קאָוונע איז געפאַלן.

די לאַגערניקעס האָבן געזען די צוריקגייענדיקע צוגן. מען האָט געשפּירט די אָנקומענדיקע דייטשע עוואַקואַציע פון עסטאָניע. די לאַגערניקעס האָבן געשפּירט, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף פון מגילת־עסטאָניע און אַלעמענס מחשבות זענען געווען פאַרנומען מיטן געדאַנק: וואָס וועט זיין דער גורל פון די לאַגערניקעס? ווי ראַטעוועט מען זיך? ווי אַנטלויפט מען?

גאָלדפּילץ, אויגוסט 1944

איך בין דאַן געווען אין לאַגער גאָלדפּילץ. ביי דער אַרבעט אין די איינהייטן, און ביינאַכט, נאָך דער אַרבעט, האָט מען געהאַלטן אין איין סודען זיך וועגן די פראָנט־נייעס, און וועגן די פּלענער צו לויפן אין די וועלדער. עס האָבן זיך געשאַפן „פּאַרטיזאַנער־גרופּן“, „וואַלד־גרופּן“. גאָלדפּילץ האָט

זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ברויזנדיקן „ערב־וואַלד"־קעסל. אַלע גרייט צו לויפן אין וואַלד, אין גרופּן און ווי יחידים! ווי ווייסט מען אָבער וועלכער קאָנטאַקט מיט די עסטאָניער איז דער זיכערער? און וועלכער איז גאָר — אַ חלום? און אפשר נאָך ערגער — אַ פּראָוואָקאַציע?

אין יענע טעג איז אָנגעקומען אין גאָלדפּילץ די גרופּע יידן פון לאַגער אַזאַרי (וועלכע האָבן דורכגעמאַכט דעם וועג: געטאָ־ווילנע, נאַרווע, קיוויאָלי, אַזאַרי, גאָלדפּילץ).

אין אייניקע טעג אַרום האָבן אַלע אין גאָלדפּילץ גע־ווּוּסט, אַז דער לאַגער שטייט ערב אַ גאָר נאָענטער עוואַ־קואַציע.

אין דערוואַרטונג פון „סיגנאַל"

די גרופּן וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט צום גיין אין וואַלד, האָבן זיך געגרייט אומגעדולדיק צום מאָמענט, און געוואַרט אויף די אָפּגערעדטע סיגנאַלן מיט די, וואָס האָבן זיך אָנגע־געבן אַלס (אָדער פאַקטיש געווען) עסטאָנישע פּאַרטיזאַנער. צו איינע פון אַזעלכע גרופּן האָב איך אויך אָנגעהערט. אין אונדזערע גרופּן איז געווען אָפּגערעדט, אַז אין איינע פון די שעהן וועט זיך פון וואַלד דערהערן דער סיגנאַל — אַ קוקו־געשריי. דעמאָלט וועט אַרויסגיין די ערשטע גרופּע. דער שטאַכל־דראָט פון לאַגער איז שוין געווען באַצייטנס איבער־געשניטן. די גרופּן פון די „וואַלד־גייערס" זענען געלעגן אָוונט־צייט אויף די פּריטשעס, אָנגעטאָן אין די זאַכן, נאָר באַדעקט כלומרשט מיט קאָלדרעס, בכדי די ס.ס.־לייט זאָלן נישט דער־קענען וואָס דאָ קומט פאָר. זיי האָבן געוואַרט אויפן סיגנאַל. מיר האָבן געוווּסט, אַז אויך אַנדערע גרופּן צעשפּרייטע אין אַנדערע מקומות פון אונדזערברייטן לאַגער, זענען אין דעם מאָמענט גרייט, יעדע אויף איר וועג, צום וואַלד־גאַנג.

אויף ווי ווייט מיין זכרון פֿאַרפֿירט מיך נישט, האָט הירשקע גליק אָנגעהערט צו דער ערשטער גרופּע, וואָס האָט געזאָלט יענעם אָוונט גיין אין וואַלד אַריין. איך האָב אָנגע־הערט צו דער דריטער. עס זענען געוואָרפֿן געוואָרן גורלות, ווער צו וועלכער גרופּע זאָל געהערן.

דער סיגנאַל האָט געזאָלט געגעבן ווערן שעה נאָך שעה, און נאָך יעדן סיגנאַל, דאַרף זיך אַ גרופּע אַרויסרייסן אין וואַלד, דורך די איבערגעשניטענע לאַגער־דראָטן.

מען האָט זיך אין חושך פֿון יענעם אָוונט געזעגנט איי־נער מיטן אַנדערן. מען האָט זיך געדריקט די הענט. מען האָט זיך געווונטשן „נישט אַריינצופֿאַלן", דערגיין צום וואַלד, דורכ־לעבן די וואַלד־טעג בשלום, נעמען נקמה אין די דייטשע מער־דער, און דערלעבן צו דער פֿרייהייט. („צו דער פֿריי", אין לשון פֿון לאַגער).

אין יענע פֿאַרנאַכט־שעהן האָב איך זיך אויך געזעגנט מיט הירשקע גליק. געגעבן זיך די הענט. געווונטשן זיך. ער האָט דערביי דערציילט וועגן זיינע שאַפֿונגען אין קאַצעט און וועגן זיינע דיכטערישע פּראָיעקטן אויף דער פֿריי.

דער ערשטער סיגנאַל איז געגעבן געוואָרן

דער ערשטער סיגנאַל איז געגעבן געוואָרן — און די ערשטע גרופּע איז אַרויס. אין אַ שעה אַרום האָט זיך דער־הערט דער צווייטער סיגנאַל און די צווייטע גרופּע איז אַרויס. קיין דריטער סיגנאַל איז נישט געהערט געוואָרן ווי אויך נישט די ווייטערדיקע. מער קיין גרופּן זענען נישט געגאַנ־גען.

און אין גרויען פאַרטאָג — אַן אַלאַרם: אַן אַפּעל פון גאַנצן לאַגער.

ביים פרימאָרגן־אַפּעל האָבן די לאַגערניקעס זיך דער־ציילט בחפזון מטושטשדיקע ידיעות וועגן גרופּן, וואָס האָבן נעכטן געצויגן צום וואַלד פון פאַרשידענע זייטן לאַגער. יע־דער איינער האָט עפּעס געהערט, עפּעס געוווּסט, אָבער אַלץ נישט גענוי און נישט זיכער. אייניקע האָבן געחשבונט, אַז עס זענען אַרוים קרוב 40 מאַן אין וואַלד; און אַנדערע האָבן דערציילט וועגן 80 מאַן. מען האָט דערציילט וועגן די, וואָס זענען אַרוים אין גרופּן, ווי אויך וועגן יחידים, וואָס האָבן זיך אַליין אַרויסגעריסן צום וואַלד. אַנדערע האָבן אויך דערציילט אַז צענדליקער זענען געכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן.

דער אַפּעל איז געווען — אַן „עוואַקואַציע־אַפּעל". דער גאַנצער לאַגער איז שנעל פאַרלאָדן געוואָרן אויף וואַגאָנען, און געבראַכט געוואָרן קיין קלאַגע (דאָרט ווו ס'איז אין איי־ניקע וואָכן אַרום, דעם 19־טן סעפּטעמבער 1943, פאָרגעקו־מען אַ שווידער־שחיטה פון אייניקע טויזנטער יידישע לאַגער־ניקעס).

דער גאָלדפילץ־טראַנספּאָרט איז אויף דער סטאַציע קלאַ־גע געשטאַנען קוים אַ האַלבע שעה. עס האָבן זיך וואַרשיינ־לעך געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן אַראָפּלאָזן די מענטשן אין קלאַגע; מען האָט אָבער קיינעם נישט אַראָפּגעלאָזן. דער גאַנצער לאַגער איז אַוועקגעפירט געוואָרן קיין לאַגעדי. דאָרט איז מען אָפּגעווען אַ דריי וואָכן. געלעגן אויף דער ערד, אונ־טערן פרייען הימל. פון דאָרט איז מען אויף אַ שיף עוואַקו־אירט געוואָרן דורכן באַלטישן ים — און דערבראַכט געוואָרן צום גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן קאַצעט שטוטהאָף, ביי דאַנ־ציג.

מער האָבן מיר אין די לאַגערן גאָר נישט געוווּסט וועגן הירשקע גליק און זיין גורל אין וואַלד.

ס'דערציילט איינער, וואָס איז אַרויס אין עסטישן וואַלד

א. אָרבאַך דערציילט מיר וואָס ער געדענקט וועגן זיין אַרויסגאַנג, יענעם אַרויסגיין פון לאַגער גאָלדפּילץ, אין עסטישן וואַלד:

„ענדע יולי — אָנהויב אויגוסט 1944 זענען מיר אָנגעקומען פון אַזאַרי קיין גאָלדפּילץ. צווישן אונדז איז אויך געווען הירשקע גליק. מיר זענען אין גאָלדפּילץ-לאַגער געווען קוים אייניקע טעג.

דאָרט, אין גאָלדפּילץ, האָבן אַן ערך 40 מאַן פון אַזאַרי געשאַפן אַ פּלאַן צו אַנטלויפן. עס האָבן אין לאַגער קורסירט קלאַנגען, אַז מען רינגלט אונדז אַרום און אַז די נאָענטסטע טעג וועט מען אונדז אַרויספירן צום אויסשיסן.

סאָניע באַראָוויק (איצט אין אַמעריקע) איז געווען אויפרוימערין ביים לאַגער-פירער, ס.ס.-מאַן פּאַניקע; זי האָט אונדז דערציילט, אַז זי האָט געהערט ווי פּאַניקע האָט געזאָגט צו זיינע ס.ס.-לייט, אַז מען וועט בקרוב מאַכן אַ סוף צום לאַגער-גאָלדפּילץ. דאָס איז געווען אַ גורם פון אונדזער באַשלוס צום באַלדיקן אַנטלויפן פון לאַגער.

אַלע האָבן זיך צונויפגעקליבן פאַרנאַכט, אַן ערך פינף אַ זייגער אָוונט, נעבן דער קיך פון גאָלדפּילץ, און געוואָלט שניידן די דראָטן, בכדי צו לויפן אין וואַלד. די פּאַניק איז געווען גרויס. געווען פאַרשידענע מיינונגען: ווען, וועלכע שעה, איז היינט די פּאַסיקסטע צייט צו לויפן אין וואַלד?

איך באַשליס נישט צו וואַרטן אויף אַלעמען. איך אַנטלויף צוזאַמען מיט נאָך צוויי יידן: ווײַנער (פריזיער פון ווילנע, אויף מילאָסיערנע גאַס 2, פירמע „אַננאַ"), און מיט אַ לידער יידן, יצחק רעמז (ווײַנער איז אומגעקומען, וואַרשיינלעך אין וואַלד; יצחק רעמז לעבט איצט אין אַמעריקע).

זייענדיק אין וואַלד, האָבן מיר שפּעטער אָנגעטראָפן עט־לעכע מענטשן פון גאָלדפּילצער לאַגער, וואָס זענען אַנטלאָפן נעבן קיך, צווישן די דראָטן. זיי האָבן דערציילט, אַז עס זענען אַנטלאָפן אין וואַלד אַן ערך 40 מאַן און אַן ערך 25 פון זיי האָבן די דייטשן געכאַפּט, צוריקגעבראַכט אין לאַגער און שטאַרק צעממיתטט. זיי האָבן דערציילט אַז זיי האָבן געהערט, אַז אויך הירשקע גליק איז אַנטלאָפן אין וואַלד, און געפינט זיך ווו עס איז נישט ווייט".

אָרבאַך איז אָפּגעווען אַן ערך צוויי חדשים אין וואַלד ביז וואַנען די סאָוויעטן האָבן זיך דאָרט באַוויזן. הירשקע גליק האָט ער אין וואַלד קיינמאָל נישט געטראָפן. ער האָט אָבער געהערט אַ ידיעה, אַז הירשקע גליק האָט מיט זיינע חברים פון זיין גרופּע אַרומגעוואַנדערט וואָכן, און אפשר אַ חודש, אין וואַלד, און איז לסוף דערשאָסן געוואָרן מיט נאָך אַכט יידן אין אַ סטאָדאָלע.

מען האָט דערציילט, אַז דעמאָלט איז פאָרגעקומען אַ דייטשע „אָבלאַווע" אין וואַלד, בכדי צו זוכן און פאַרניכטן עסטישע און סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער. הירשקע גליק מיט זיינע אַכט חברים האָבן זיך געפונען אין אַ סטאָדאָלע, ערגעץ אין אַ פעלד ביים וואַלד. די דייטשן האָבן אויסגעשפּירט די סטאָדאָלע, פּלוצים איר אַרומגערינגלט און געעפנט פון אַלע זייטן אַ פייער אויף די ניין יידן. (אָרבאַך ווייסט צו דער־ציילן, אַז איינער פון די ניין יידן איז אויך געווען זיינער אַ ווילנער חבר, אברהם חאַנין). עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אומגלייכער קאַמף, אויף טויט און אויף לעבן, צווישן די דייטשן וואָס זענען געווען באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס — מיט ניין יידישע לאַגערניקעס, אַנטלאָפענע אין וואַלד.

קיינער פון זיי איז נישט געבליבן ביים לעבן, אַלע זענען אומגעקומען. צווישן זיי — אויך הירשקע גליק.

דאָס איז אַלץ, וואָס מיר ווייסן היינט צו טאָג וועגן הירש־

קע גליק אין די קאַצעטן און וועגן זיין אַרויסגיין אין וואַלד. אפשר געפינען זיך געוועזענע לאַגערניקעס פון עסטאָניע, וועלכע ווייסן נאָך צוגאָב־פּרטים וועגן דעם לעצטן קאַפּיטל פון מגילת־הירשקע גליק? זיי וואָלטן דערפאַר פאַרדינט אַ גרויסן דאַנק.

⁂

הירשקע גליק האָט געזונגען: „פון גרינעם פּאַלמען־לאַנד — ביז ווייסן לאַנד פון שניי". אַ סך פון זיינע געוועזענע חב־רים, און פון די טויזנטער־טויזנטער, וואָס האָבן זיין הימן גע־זונגען — זענען איצט צעשפּרייט איבער דער גאָרער יידישער וועלט, און אַ סך פון זיי — אין גרינעם פּאַלמען־לאַנד. עס האָט געוואָלט דער גורל, אַז הירשקע גליק זאָל פאַרשווינדן — ערגעץ אין דעם „ווייסן לאַנד פון שניי".

אַזוי איז געווען דער לעצטער וועג פון דיכטער־פּאַרטי־זאַן, הירשקע גליק — וואָס זיין ליד האָט גערופן: זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דיין לעצטן וועג!.

פון די טויערן פון געטאָ־ווילנע־אין־חורבות, און פון די לאַגערדיקע שטאכל־דראָטן — איז ער אַריין אין אייביקייט פון יידישן זכרון.

הערות, אויפקלערונגען

1) צווישן זיי איז כדאי אונטערצושטרייכן איייניקע חיבורים פון באַקאַנטן שרייבער און ליטעראַטור־פאָרשער נחמן מייזיל:
א) הירש גליק, לידער און פּאָעמעס. אַריינפיר: נחמן מייזיל (ניו־יאָרק, איקוף, 1953, 62 ז״ז).
ב) הירש גליק און זיין ליד „זאָג נישט קיינמאָל״ (ניו־יאָרק, איקוף, מיט דער הילף פון מאַקס סילווער, 1949, 63 ז״ז). נחמן מייזיל האָט געשריבן וועגן הירש גליק אין אַ בוך וועגן אַ ריי יידישע מחברים:
ג) נאָענטע און אייגענע, פון יעקב דינענזאָן ביז הירש גליק (ניו־יאָרק, איקוף, מיט דער הילף פון דעטראָיטער איקוף־קרייז, 1957, 384.

2) ס׳איז פאָרגעקומען אין פאָרם פון אַ שמועס, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן אויף אַ מאַגנעטאָפאָן דעם 23־טן מאַי 1965, ביי מיר אין שטוב, אין תל־אביב. פרץ מיראַנסקי איז געווען דעמאָלט אויף אַ באַזוך אין ישראל. אינעם שמועס האָבן זיך באַטייליקט פרץ מיראַנסקי און איטא פופקא אַלס עדות־זאָגער; דער מחבר פון די שורות, אַלס פירער פונעם שמועס און פרעגער; ה׳ אלפעראָוויטש אַלס פאָרשטייער פון „יד ושם״. די לענטע אויף וועלכער ס׳איז אויפגענומען געוואָרן דאָס עדות־זאָגן, ווי אויך דער אָפּשריפט זענען איבערגעגעבן געוואָרן „יד ושם״, און זענען באַצייכנט אַלס דאָקומענט: מ־2558/144. פ. מיראַנסקי האָט בעיקר דערציילט וועגן הירשקעס יוגנט־יאָרן, און א. פופקא וועגן זיינע יאָרן אין לאַגער רעשע און געטאָ־ווילנע.

3) וועגן הירשקע גליקס געבורטס־דאַטע זענען דאָ אייניקע נישט־איינשטימיקע ידיעות. ש. קאַטשערגינסקי גיט אָן אין „דאָס געזאַנג פון ווילנער געטאָ״ (פאַרבאַנד פון די ווילנער אין פראַנקרייך, פאַריז, 1947) — דעם יאָר 1920. אין געטאָ האָט מען געשמועסט, אַז ער איז געבוירן אין יאָר 1922; פרץ מיראַנסקי גיט אָן דאָס יאָר 1921.

4) עדות מיראַנסקי, ז. 2

5) עדות מיראַנסקי, ז. 2־3. אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע איז געווען אָנגעגעבן אַז הירשקע גליק האָט געהאַט דריי ברידער. פרץ מיראַנסקי שטעלט אָבער פעסט, אַז ער האָט גע־

האָט נאָר איין שוועסטער, אַ ייִנגערע פון אים. (וואַרשיינלעך די וואָס האָבן געשריבן וועגן די דריי ברידער, האָבן געמיינט די דריי ברידער פון הירשקעס מאַמען).

6) עדות מיראנסקי, ז. 2־3, 8.

7) עדות מיראנסקי, ז. 2.

8) עדות מיראנסקי, ז. 2.

9) עדות מיראנסקי, ז. 3.

10) עדות מיראנסקי, ז. 3.

11) אַזוי שטעלט פעסט פּו״ק מיראנסקי, אין זיין עדות, ז. 4. ביי נחמן מייזיל איז געווען אָנגעגעבן, אַז הירשקע האָט געלערנט אין דער ווילנער העברעאישער פאָלקס־שול „אור יהודה״ (אַ מין תלמוד־תורה), און דאַן אין דער יידישער פאָלקסשול „מפיצי השכלה״. דעם פרט וועגן פאָלקסשול „אחד העם״ באַשטעטיקט אויך איטא פופקא, וועלכע האָט זיך געלערנט אין דער זעלבער פאָלקסשול (עדות פופקא, ז. 10).

12) משה אליצקי איז געווען איינער פון די עלטסטע לערערס און קולטור־טוערס פון דער יידישער ווילנע. כ׳געדענק אים נאָך פון יאָר 1916, אין דער צייט פון דער ערשטער דייטשער אָקופּאַציע אין ווילנע. ער איז דאַן געווען פון מיינע ערשטע לערערס פון יידישער געשיכטע און העברעאיש. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער ערשטער העברעאישער גימנאַזיע אין די תפו־צות („גמנסיה עברית״ אין ווילנע), דאַן דער אָנפירער פון דער העברעאישער פאָלקסשול א.נ. פון דר. ש. עפשטיין און שפּעטער פון דער העברעאישער פאָלקסשול „אחד העם״. אין געטאָ איז ער געווען איניציאַטאָר פון שול־וועזן צוזאַמען מיט מירע בערנשטיין, רחל ברוידא און מרים גוטגעשטאַלט, ערשטער אָרגאַניזאַטאָר און לייטער פון שול־וועזן, לעקטאָר אין געטאָ־ליטעראַטן־פאַראיין, לערער־פאַרבאַנד א. א. וו. פון ערשטן געטאָ־טאָג געשריבן אַ טאָג־בוך (יידיש און קאַפּיטלען אין העברעאיש), בעיקר געווידמעט דעם קולטור־לעבן פון געטאָ. געשריבן אין געטאָ אַ גרעסערע אַרבעט וועגן הומאָר ביי יידן אונטער אַלע אומשטאַנדן. עס איז נאָך צו האָפן, אַז דאָס טאָג־בוך וועט נאָך אָפּגעפונען ווערן. אין דער סוף־תקופה פון געטאָ געווען לערער אין בלאָק „קייליס״ אויסערן געטאָ, ווו ער איז אומגעקומען, יולי 1944, בשעת דער ליקווידאַציע פון בלאָק קייליס.

13) עדות פופקא, ז. 10.

14) עדות מיראנסקי, ז. 5.

15) עדות מיראנסקי, ז. 6.

16) מיר גערענקט זיך אַז מען האָט אָנגערופן דאָס ליד „זעקס וועלף״ בכדי צו באַצייכענען די זעקס וואָכיקע טעג, וועלכע באַפאַלן זיין משפחה ווי וועלף.

17) עדות מיראנסקי, ז. 7.

18) די ערשטע צען לידער, פאַרעפנטלעכט אין דער ווילנער יידישער פרעסע און אין „יונגוואַלד״ — זענען איבערגעדרוקט אין נ. מייזילס אויסגאַבע „הירש גליק, לידער און פאָעמעס״; דאָס עלפטע ליד „פריי־פריילינג״ — אין די „גאָלדענע קייט״, נר. 30, 1961.

18) אַרויסגעגעבן פון פאַרבאַנד פון יידישע שרייבער און קינסטלער פלאַסטיקער אין ליטע. קאָוונע, 1940. אין דער אויסגאַבע: הירש גליק, לידער און פאָעמעס, מיט אַן אַריינפיר פון נ. מייזיל, 1963 איז דאָס ליד נישט פאַראַן.

20) ווען ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה פון דייטשן רייך קעגן ראַטנפאַרבאַנד, האָבן צענדליקער טויזנטער יידן געלאָזט זיך לויפן פון ווילנע, אויפן וועג קיין רוסלאַנד. די אָנקומענדיקע דייטשע טאַנקן האָבן זיי איבערגעיאָגט. אַ טייל פון זיי איז אויף די וועגן פאַרניכטעט געוואָרן, און אַ טייל האָט זיך צוריקגעקערט קיין ווילנע, צעבראָכן און אויסגעמאַטערט. זע: דר. מ. דוואָרזשעצקי: „ירושלים דליטע אין קאַמף און אומקום״ ז״ז 23־24.

21) עדות א. פופקא, ז.11.

22) עדות פופקא, ז. 11.

23) פאַרעפנטלעכט אין: ש. קאַטשערגינסקי, לידער פון די געטאָס און לאַגערן (ניו־יאָרק, 1948) ז. 349, נאָטן 429.

24) פאַרעפנטלעכט אין „די גאָלדענע קייט״, נומ. 15, 1953, ז. 79.

25) פאַרעפנטלעכט אין „די גאָלדענע קייט״, 1939, ז״ז 177־180, מיט אַ נאָכוואָרט פון א. ס. (אברהם סוצקעווער).

26) נאָכוואָרט פון א. סוצקעווער צו ה. גליקס באַלאַדע פון ברוינעם טעאַטער. „די גאָלדענע קייט״, 1939, ז. 181. סוצקעווער דערציילט דאָרט אַז „דאָס ליד האָבן מיר באַקומען פון דיכטער אבא קאָוונער. ער האָט עס געפונען אין ווילנע נאָך דער באַפרייאונג צווישן די אויפגעגראָבענע קולטור־אוצרות״.

27) עדות פופקא, ז. 12.

28) עדות מיראנסקי, ז. 13.

29) מיראנסקי דערציילט, אַז עס זענען געבליבן נאָכן שניפּישקער רב קינדער: אַ טאָכטער שיינע, און אַ זון בער־לייב, וועלכע וווינען איצט אין אויסטראַליע. וועגן פאָגראָם אויף שניפּישאָק, ווערט דערציילט: דר. מ. דוואָרזשעצקי, „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום״, ז. 29. וועגן שניפּישקער רב, הרב משה אבא קעסעל, ווערט דערציילט דאָרטן ז. 289: „בשעת דעם פאָגראָם אין

שניפּישאָק האָבן די דייטשן אים געצוווּנגען צו שפּרינגען איבער שײַטער־הויפנס מיט ברענענדיקע ספרי־תורות. ער האָט גע־שטעלט אַן עקשנותדיקן ווידערשטאַנד״.

30) דאָס ליד איז פֿאַרעפֿנטלעכט: קאַטשערגינסקי, „לידער פֿון די געטאָס און לאַגערס״, ז. 348 (נאָטן ז. 428) ווי אויך: דוואָרזשעצ־קי, „ירושלים דליטא״ ז. 283. קאַטשערגינסקי פֿאַרצייכנט, אַז דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן נאָכן ערשטן דיווערסיע־אַקט פֿון די ווילנער יידישע פֿאַרטיזאַנער. יולי 1942 האָבן וויטקע קעמ־פּנער, משה בראַוזע און יצחק (איזיע) מאַצקעוויטש אויסגעפֿירט דעם ערשטן אַנטי־נאַצישן סאַבאָטאַזש־אַקט פֿון די ווילנער יידי־שע קעמפֿער קעגן דער באַן־קאָמוניקאַציע. נעבן ניי־ווילייקע 7, הינטער ווילנע, האָבן זיי אונטערגעלייגט אויף די רעלסן אַן אויפֿ־רייס־באָמבע, וועלכע האָט אויפֿגעריסן אַ דייטשן מיליטער־עשאַ־לאָן (וויטקע קעמפּנער לעבט אין קיבוץ אין ישראל; משה בראַו־זע און יצחק מאַצקעוויטש זענען — 1943 — אומגעקומען אין די פֿאַרטיזאַנער־וועלדער). גענויער וועגן דאָזיקן סאַבאָטאַזש־אַקט: דוואָרזשעצקי, „ירושלים דליטא״, ז. 395; ח. לאזאר: „חור־בן ומרד״, ז. 218; „ספר הפרטיזנים״, ז. 23 (א); קורצאַק, „להבות באפר״, עמ. שי״ב.

31) מיר וועלן דאָ ברענגען נאָר עטלעכע פֿון די וויכטיקערע וואַריאַנטן וואָס זענען באַמערקט געוואָרן דורך נחמן מייזיל און נעמלעך:

אין דער צווייטער שורה: „כאָטש הימלען בלייענע פֿאַרשטעלן בלויע טעג — ברענגען אַנדערע מחברים אַן אַנדער טעקסט: ווען הימלען בלייענע״; פֿינפֿטע שורה: „פֿון גרינעם פֿאַלמען־לאַנד ביז ווייסן לאַנד פֿון שניי״ — אַנדערע מחברים ברענגען: „ביז לאַנד פֿון ווייסן שניי״; און אַנדערע: „ביז ווייטן לאַנד פֿון שניי״.

32) ש. קאַטשערגינסקי האָט אָנגעגעבן אַז די מעלאָדיע פֿון „זאָג נישט קיינמאָל״ איז לויט אַ רוסישן מאָטיוו. דער שרייבער פֿון די שורות האָט געהערט אין געטאָ אַז דער ניגון שטאַמט וואַר־שיינלעך פֿון רוסישן קאָמפּאָזיטאָר בלאַנטער. נ. מייזיל ווייזט אָן („הירש גליק און זיין ליד״, ז. 60־61), אַז דער ניגון פֿון גליקס ליד איז גענומען פֿון אַ מעלאָדיע וואָס יידישע קאָמפּאָזיטאָרן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, די ברידער דמ. און דאנ. פּאָקראַס, האָבן גע־שריבן אויפֿן ליד פֿון סאָוויעטישן דיכטער א. סורקאָוו. דאָס ליד הייסט „פּאַניע טוטשי גראַזאָוויע אבלאקא״.

33) שפטל אריה, „עדות מוקלטת על ימי היותו במחנות־הריכוז באס־טוניה״; דר. מ. דבורדז׳צקי. 2 ביוני 1965, עברית, 26 פּאָליאָ, „יד ושם״ ש־4283/220.

34) אַרבאַך אריה: שריפטלעך עדות־זאָגן וועגן זיינע יאָרן אין די עסטישע קאַצעטן און באַגעגענישן מיט הירשקע גליק, 6 זייטן, אַרכיוון „יד ושם״.

35) סקורקאָוויטש סימע: שריפטלעך עדות־זאָגן וועגן אירע יאָרן אין די עסטישע קאַצעטן און וועגן הירשקע גליק אין די דאָזיקע קאַצעטן, 8 זייטן, אַרכיוון פון „יד ושם״.

36) קאַטשערגינסקי ש.: חורבן ווילנע, אומקום פון די יידן אין ווילנע און ווילנער געגנט. ניו־יאָרק, 1947, ציקא.

38) דער מחבר פון די שורות האַלט ביים פאַרענדיקן אַ גרעסערע פאָרש־אַרבעט א. נ. „מגילת עסטאָניע״, וועגן די דעפּאָרטאַציעס פון פאַרשידענע לענדער קיין עסטאָניע, וועגן קאַצעטן־סיסטעם אין עסטאָניע, וועגן יידישן ווידערשטאַנד אין עסטאָניע. די אַרבעט איז געבויט אויף איבער הונדערט און צוואַנציק עדות־זאָגונגען (אַרכיוון פון „יד ושם״, „בית לוחמי הגיטאות״), ווי אויך אויף פערזענלעכע זכרונות, אַלס געוועזענער קאַצעטלער פון עסטלאַנד. אין דער דאָזיקער אַרבעט געפינען זיך אַ סך פּרטים וועגן די לאַגערן, וואָס ווערן דאָ דערמאָנט: נאַרווע, קיוויאָלי, אַזאַרי, גאָלדפילץ, א. א. וו.

38) וועגן די דעפּאָרטאַציעס פון געטאָ־ווילנע קיין עסטאָניע, זע: מ. דוואָרזשעצקי, „ירושלים דליטא״, ז״ז 449־494; א. סוצקעווער, „געטאָ־ווילנע״; ח. לזר, „חורבן ומרד״ ז״ז 153־188; קורצאַק, „להבות באפר״; דר. מ. פיינבערג־מ. ווייסבערג, „ווילנע אונטערן נאַצי־יאָך״, ז״ז 18־21; זעליג קאַלמאַנאָוויטש, „אַ טאָג־בוך אין ווילנער געטאָ״, ייוואָ־בלעטער, 1951, באַנד 35, ז״ז 78־87.

39) זע: צ. בראַון און ד. לעווין, „תולדותיה של מחתרת״, „יד ושם״ 1962; גורפינקל, „קובנה, היהודית בחורביה״, „יד ושם״, 1949 ז״ז 147־152; י. גאַר, „אומקום פון דער יידישער קאָוונע״, מינכען, 1948; ש. דאַלניצקי, „אַ טאָג הינטער שטעכיקע דראָטן״, „ליטע״, ניו־יאָרק, 1961, ז״ז 1736־1942.

40) וועגן דער דעפּאָרטאַציע פון די טערעזיינשטאָטער יידן קיין עסטאָניע, זע: עדות־זאָגן פון אירמאַ פּעטראָשקאָוואַ, „כ׳בין געבליבן לעבן״, „יד ושם״, ע/1־1־6, ווי אויך די עדות־זאָגונגען אויף די טאַלינער פּראָצעסן וועגן די קריגס־פאַרברעכער 1961, 1962. אַ קאַפּיטל וועגן דעם — אין דער פאָרש־אַרבעט פונעם מחבר פון די שורות „מגילת עסטאָניע״, אין מאַנוסקריפּט.

41) וועגן דער דעפּאָרטאַציע פון די „רייך״־יידן (בערלין און פראַנקפורט־אַם־מיין) קיין עסטאָניע, זע: עדות־זאָגן פון העלגאַ פערלעגער, „יד ושם״, 02/793 (ווינער ליברערי 1009 ה.־3־פ ווי אויך די עדות־זאָגונגען אויף די טאַלינער פּראָצעסן, 1961,

1962. אַ קאַפּיטל וועגן דעם — אינעם מאַנוסקריפּט „מגילת עס־טאָניע“ פונעם מחבר פון די שורות.

42) וועגן דער דעפּאָרטאַציע פון טראַנסילוואַניער יידן קיין עסטאָניע, זע: עדות־זאָגן פון מינדל אָפּענבאַך, „יד ושם“, 1636/1524. אַ קאַפּיטל וועגן דעם אין „מגילת עסטאָניע“ (מאַנוסקריפּט).

43) וועגן פ.פ.א. זע אין אַלע זכרונות פון געטאָ־ווילנע, ווי אויך אין די טאָג־ביכער פון ה. קרוק און זעליג קאַלמאַנאָוויטש.

44) וועגן קאַמפּס־גרופּע „יחיאל“, זע: דוואָרזשעצקי, „ירושלים דליטא“, ד״ז 380־401; „שיחה מוקלטת, על התנגדות יהודי ליטא במלחמת העולם השניה“; דב לוין: המרואיין דר. מ. דבורז׳צקי, 1965.1.12, סרט 592! שיחה מוקלט (המשך) מראיין: דב לוין; מרואיין: דר. מ. דבורז׳צקי, 1965.4.1, סרט 629 (אוניברסיטה ירושלים). „ראיון קבוצתי מוקלט“: המשתתפים: דר. מ. דבורז׳צקי, דר. ל. ברנשטיין, פסיה ברנשטיין־שיינבוים, אלחנן מגיד, שלמה בראנד. המראיין: דב לוין. נושא: ארגון מחתרתי ע״ש „יחיאל“ בגיטו וילנה. סר מס׳ 605, 1965.2.10 (אוניברסיטה ירושלים). בראָש פון פ.פ.א. איז געשטאַנען יצחק וויטענבערג; בראָש פון דער גרופּע, וואָס מען רופט איצט אָן „קאַמפּס־גרופּע יחיאל“ — איז געשטאַנען יחיאל שיינבוים. יצחק וויטענבערג איז אומגעקומען דעם 16־טן יולי 1943. יחיאל שיינבוים איז געפאַלן אין געטאָ־קאַמף, דעם 1־טן סעפּטעמבער 1943. אין דער לעצטער געטאָ־תקופה האָבן זיךביידע אָרגאַניזאַציעס צוזאַמענגעגאָסן.

45) וועגן יידישן אונטערערד אין די קאַצעטן פון עסטאָניע: דוואָרזשעצקי, „מגילת עסטאָניע“ (מאַנוסקריפּט); טאָגבוך פון ה. קרוק, געשריבן אין קאַצעט קלאַגע; מיקראָפילם אין „יד ושם“; אָריגינאַל אין „מורשת“; „קאָלעקטיווע עדות־זאָגן“ („עדות קולקטיבית מוקלטת על תנועת המחתרת באסטוניה“), באַטייליקטע: דר. מ. דוואָרזשעצקי (ז.1), ברוך גאָלדשטיין (ז׳ז 2־28), דר. מ. דוואָרזשעצקי (29־31), ברוך גאָלדשטיין (31־36), יצחק קויפמאַן (36־44), פייבל הארטמאן (50־65), דר. דוואָרזשעצקי (66־100), 25־3־1964, אַרכיוון „יד ושם“; עדות מוקלטת על תנועת המחתרת באסטוניה (המשך), באַטייליקטע: אינזש. מרדכי גורדון (1־25), פייול מילשטיין (26־29), 1965.1.18, אַרכיוון „יד ושם“.

46) וועגן לאַגער קלאַגע, געפינען זיך אַ חוץ צאָלרייכע עדות־זאָגונגען (אַרכיוון „יד ושם“ און „בית לוחמי הגיטאות“, אויך זייער וויכטיקע טאָגבוך־פאַרשרייבונגען פון הערמאַן קרוק. דעם טאָגבוך האָט ער געפירט פון סעפּטעמבער 1944 אין קאַצעט קלאַגע — ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן אין קאַצעט לאַגעדי (18־טן

סעפּטעמבער 1944). קיין לאַגעדי זענען פאַרשיקט געוואָרן, אָנ־הויב אויגוסט 1944, די יידישע קאַצעטלער פון גאָלדפּילץ, ערע־דע א. א. לאַגערן (צווישן זיי אויך דער מחבר פון די שורות). נאָכן אָפּזיין דריי וואָכן, זענען זיי איבערגעשיקט געוואָרן דורכן באַלטישן ים — אין קאַצעט שטוטהאָף. דאַן זענען פון קלאַגע איבערגעשיקט געוואָרן סוף אויגוסט ווידער יידן קיין לאַגעדי (צווישן זיי הערמאַן קרוק). נאָכן אָפּזיין דריי וואָכן, זענען די לאַ־געדי־יידן אָפּגעשיקט געוואָרן אין אויטאָ־מאַשינעס — אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. דאָרט זענען זיי אויסגעמאָרדעט גע־וואָרן. אויף מאָרגן, דעם 19־טן סעפּטעמבער 1944, איז פאָרגע־קומען די מאַסן־שחיטה אין קלאַגע (אומגעקומען אַן ערך 2.400 קאַצעטלער). אַ גרופּע לאַגעדיקער יידן, און צווישן זיי אויך בני־מין אַנאָליק (איצט אין קיבוץ לוחמי הגיטאות) איז געלונגען צו בלייבן ביים לעבן. בנימין אַנאָליק דערציילט אין זיין עדות־זאָגן („יד־ושם״, א־2557/180, 1966.1.12), אַז אַ טאָג פאַר דער שחי־טה אין לאַגעדי, האָט הערמאַן קרוק באַוויזן פאַר אַ פאָר יידן ווו ער באַהאַלט אויס זיינע מאַנוסקריפּטן, און ער האָט געבעטן, אַז ווער עס וועט בלייבן ביים לעבן זאָל זיי אַרויסנעמען פון דער „באַהעלטעניש״. זיין ברודער ניסן אַנאָליק איז געווען וואַרשיינ־לעך דער איינציק לעבנגעבליבענער עדות, וואָס האָט געוווּסט ווו קרוק האָט באַהאַלטן זיינע כתבים. ער האָט זיי שפּעטער אַרויס־גענומען, און איבערגעגעבן אין ווילנע צום דיכטער אַבאַ קאָוו־נער (ז׳ז 8־9, עדות אַנאָליק). קאַפּיטלען פון קרוקס קלאַגער און לאַגעדיער טאָג־רשימות זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „מורשת״, צווייטער יאָרגאַנג, העפט צוויי, מאַי 1964, ז׳ז 64. אָרי־גינאַלן פון הערמאַן קרוקס קלאַגער און לאַגעדיער טאָג־רשימות געפינען זיך אין „מורשת״ (בית עדות ע״ש מרדכי אַניליביץ); מי־קראָפילם — אין „יד ושם״, ירושלים.

לידער וועגן הירש גליק

פּרץ מיראַנסקי

די באַלאַדע פון הירשקע גליק און דעם שניפּעשקער רב

זיי האָבן זיך ביידע געטראָפן
אין חורבה פון סניפּעשקער שול —
די אויגן, ווי שיך־פּענצטער אָפן
צו ערגעץ אַ תהומיקן גבול...
און האָבן זיך ביידע אין בלענד
פון שטערן פון קאַלטע דערקענט:

דער גרייז־גרויער רב אַבאַ קעסל,
דער מרא דאתרא פון גאַם
און גליק דער פּאָעט פונעם געסל —
דער זינגער פון האָפן און האַס.
און זענען געבליבן, צוויי ליכט
פאַרלאָשענע שטיין אומגעריכט.

אַרום זענען ציגל, ווי קראָען
געלעגן די פליגל צעשפּרייט.
זיי האָבן דערזען דעם חזיון
פון נעכטן, וואָס האָט זיי צעשיידט.
דעם נעכטן, דעם אָנהויב פון גרויל
אין שול דער פאַרברענטער אויף קויל.

אַ באַנדע צעיושעטע שכנים
מיט דייטשן אַ פּאָר אין געלויף,
געיאָגט האָבןביידע אינאיינעם
אין סניפּעשקער קלויז אויפן הויף, —
דעם רבין רב אבא'ן, דעם גרייז
און הירשקען, ווי מתים צוויי ווייס.

די זון איז געהאָנגען אַ ווייטע
אין מיטן פון הימל, גאָטס אויג.
זיי האָט מען געשלעפּט צו אַ שייטער
פון ספרים צעבערענטע אַ סטויג,
משניות, תורות און שס,
צעצונדן פון שכנים פון גאַס.

אומזיסט האָט געשטופּט זיי אין פלאַקער,
מיט חוזק, דער רינג המון־עם.
דער רבי אַזוי ווי אַ פּאַקיר,
איז באָרוועס געשטאַנען אין פלאַם
און האָט מיט די הענט אַלט פאַרגעלט
די ספרים פון פלאַקער פאַרשטעלט.

און גליק נישט געשפּירט האָט דאָס טריפן
פון בלוט אויפן וונדיקן גוף.
ער האָט נאָר פאַרנומען איין טיפן
און שטיל ווי אַ קוואַל אונטער דרערד
פון דורות צו דורות אַ רוף!...
אין זיך האָט ער ווערטער דערהערט...

דער רב איז געשטאַנען אין פֿייער
אַזוי ווי ער וואָלט זיך געגלייזט, —
און הירשקען, דעם שומר הצעיר,
האָט ער, משה אבא, געטרייסט:
וואָס טיפֿער, וואָס רויטער דער צער —
אַלץ העכער צעבלויטער דער שׂכר!

אין אָוונט האָט ערשט דער ספּעקטאַקל
דערגענטערט זיך שקיעהדיק צום סוף. —
די שול איז געשטאַנען אַ פֿאַקל.
און הירשקען אַזוי ווי דעם רב
מיט פּיס, און מיט הענט, רויטער לײַם,
געבראַכט האָבן ייִדן אַהיים.

ס'האָט מאָרגן צעשיידט זיי די געטאָ,
דער הונגער, שגעון, געפֿאַר.
דער רב פֿון די ערשטע איז שפּעטער
געגאַנגען דעם וועג פֿון פֿאָנאַר,
און הירשקע בלוי־אויגיק און יונג
געלעבט האָט אין אומקום אַ רינג.

די געטאָ פֿאַרשלייפֿט און פֿאַרריגלט
געלעגן איז וווּנדיק צעגליט,
ס'האָט גליק צום געשלעג ווי אַ ציגל
אין דלאָניע געטראָגן זײַן ליד.
ביז ס'האָט אים דער מולכישער געץ
פֿאַרשלייפֿט אין זײַן בראַנדיקן נעץ...

פון פייער איז הירשקע אַנטלאָפן,
אין מיט פון אַ וואַלדיקן קאַנט,
איז הירשקע געלאָפן מיט וואָפן
פאַרשטייפט אין זיין אייזיקער האַנט.
און איבער אים שטיין מיט געוויין
איז געבליבן זיין ליד איין אַליין...

— — — — — — — — — — — —

זיי האָבן זיך ביידע געטראָפן
און זענען געבליבן שטיין שטאַר. —
דער רב ווי אַ שנייבוים אין צפון
און הירשקע אַ גאַסן־פאָנאַר,
און הויך איבער זיי, אַרום זיי
אַ שטערן־פאַל, דין ווי אַ שפריי.

דער רב איז אין ווייט אַ פאַרהערטער
געשטאַנען, — אין בויגן אַ פייל.
נאָר הירשקעס צעווירבלטע ווערטער
פאַרהאַלטן אים האָבן אַ וויַיל
און קעגן אים הירשקע, אַן אינד,
איז געשטאַנען פאַרוויקלט אין ווינט.

עס זענען, ווי פויגל, ווי קראַנקע,
די ווערטער אַראָפּ פון זיין מויל;
ער רוט אויף אַ שטומער פּאָליאַנקע
פאַרעיגולט מיט וואַלפיש־געהויל.
לבנה־שיין בלייכט זיין געביין,
ווי ליין אויף אַ גראָזיקן פליין.

ער איז זיי מקנא! די גריבער
פֿאַרפֿלאָכטן אַ ביין אין אַ ביין —
דריי דורות, פֿאַרקנאָטן בציבור!
און ער רוט פֿאַרגעסן אַליין.
טאָ וואָס האָט אין אייביקן שלאָף
קיין רו נישט דער שניפּעשקער רב?

דער רב איז געשטאַנען אַ דומם.
און פּלוצעם אין בלוי האָט זיין שפּראַך
צעוויינט זיך, ווי ווינט אין אַ קוימען.
וואָס גייט ער אום זוכן באַנאַכט?
אַ שטערן פֿאַלט גרין פֿון זיין ברעם;
דעם שם דעם פֿאַרברענטן, דעם שם!

ס'ציט הירשקע דעם האַלדז, ווי אַ שטאָרך אוים,
פֿאַרהאָרכט אינעם רבינס געברום...
וואָס זוכט ער? די אותיות פּורחות,
וואָס בלאָנדזשען אין חושכניש אום,
ווי פֿונקען געטראָגענע בלינד
פֿון פֿלאַם אָפּגעפּליקט דורכן ווינט.

ס'איז תורה אַ הימל מיט שטערן,
נאָר אותיות אַליין אָן אַ קלויז, —
זיי פֿאַלן פֿון הימל, ווי טרערן
און לעשן אין פֿאַלן זיך אויס.
ער זוכט דאָ אויף חורבן און תל
אַן אות, ווי פֿון גאָלד אַ קאַרעל.

ס'האָט הירשקע אַ האַנט, ווי אַ שליסל
צום אַש אויסגעשטרעקט אויף אַראָפּ...
לבנה — אַ זילבערנע שיסל —
געגאָסן האָט מילך אויף זיין קאָפּ.
און ליפּן פון ווינטן צעשיילט
באַוועגט האָבן זיך און דערציילט:

געשען איז עס דעמאָלט ביים שייטער,
ווען ער איז צוזאַם מיט דעם רב
געשטאַנען און שטום זיך געלייטערט.
און פּלוצעם, ווי חלום אין שלאָף
דערשפּירט האָט ער אויפגיין אין זיך
די אותיות, ווי שפּרייערלעך ליכט.

דורך אָפענע ווונדן, ווי כוסות,
וואָס האָבן געטראָפן מיט וויין,
דערשפּירט האָט ער ליכטיקע אותיות
אין אים ווי זיי קומען אַריין,
ווי בינען באַלאָדן מיט שיין
אין פינצטערן בינשטאָק אַריין.

און ווי אויף אַ צווייג פון אַ מאַנדל
עס בינטלט זיך אויף פרילינג־צוויט
אַזוי האָבן אותיות פאַרוואַנדלט
אין וואָרט זיך, אין שורה און ליד.
און ווי פון דער תיבה די טויב
אַרויס איז דאָס ליד פון זיין שויב.

און ער איז געבליבן ביים קראַטער
פאַרלאָשענע לאַווע אַ גוף.
ער הערט פון ליד דאָס געפלאַטער,
ער האָרכט איר פאַרלוירענעם רוף,
און ס׳פירן אים שטיל זיינע טריט
אַהער, צו דעם קוואַל פון זיין ליד.

דער רב האָט זיך ווייסער צעלויכטן, —
אַ שויב אין לבנה צעבלאַנקט,
פון ווייט, ווי פון פענצטער פאַרהויכטע,
האָט קוים זיי דערגרייכט אַ געזאַנג; —
אַ זילבער פאַרנעפּלטער ברעג:
„זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דיין לעצטן וועג!״

מאָנטרעאָל, 1951

פון: „אַ ליכט פאַר אַ גראָשן״ (לידער), ז׳ז 55־60.
(איבערגעדרוקט מיט דער דערלויבעניש פון דיכטער)

משה גורין

הירש גליק

א.

דורך דיין גאַס האָט די אָרעמקייט
געהאַלדזט מאַטעז־מאַמע.
סאַראַ יום־טובדיקע אָרעמקייט!
זי באַגריסט די וועלט
אַ באַהאַלטענע אין שאָלעכץ.
דיין גאַס האָט געפירט צו זיך,
ווי אַן עמער פירט צו אַ ברונעם.

דורך דיין שיטערן פלויט האָט זיך איבערגעוווּנקען
דער האַרבסט מיטן ווינטער.
דורך דעם פלויט האָסטו געזען,
ווי עס גייען אויס דיביימער.

די לבנה איז דיר נאָכגעגאַנגען פוס־טריט,
ווען דו האָסט פאַרייניקט ראָזן געדאַנק
מיט ראָזעווען לעבן.
ווען דיין גילדערנער קאַמערטאָן
האָט אָפּגעענפערט
מיט ייחוסדיקער שירה.

ב.

ס'קוקט קיינער נישט אַרויס דורך דיינע פענצטער,
ס'וואַרפט קיינער נישט אַריין זיין בליק אין שויב.
דיינע ווענט באַליכט נישט מער דער אָוונט,
צעפאַלן איז דער קאַרשנבוים אין שטויב.

און פליגלען פון אַן אַלטער ווינטמיל פּאָכן
ווי ארבל ביי אַ מת...
און דער טייוול פּראַוועט אַ נצחון,
ווען דער קרבן יאָמערט: נישט פאַרגעס!

„די גאָלדענע קייט", נומ. 50, תל־אָביב, 1964, ז. 268
(איבערגעדרוקט מיט דער דערלויבעניש פון מחבר)

„זאג נישט קיינמאל"...

אין העברעאיש,

פראנצויזיש,

ענגליש

און אין מוזיק

אל־נא תאמר... / הרש גליק

אַל־נָא תֹּאמַר: „הִנֵּה דַרְכִּי הָאַחֲרוֹנָה,
אֶת אוֹר הַיּוֹם הִסְתִּירוּ שְׁמֵי הָעֲנָנָה".
זֶה יוֹם נִכְסַפְנוּ לוֹ עוֹד יַעַל וְיָבוֹא,
וּמִצְעָדֵנוּ עוֹד יַרְעִים: אֲנַחְנוּ פֹּה!

מִגְּבוּל הַקֶּרַח וְעַד אֶרֶץ הַתְּמָרִים,
אֲנַחְנוּ פֹּה — בְּמַכְאוֹבוֹת וְיִסּוּרִים,
וּבַאֲשֶׁר טִפַּת־דָּמֵנוּ שָׁם נִגְּרָה,
הֲלֹא יָנוּב עוֹד עֹז־רוּחֵנוּ בִּגְבוּרָה.

עַמּוּד הַשַּׁחַר עַל יוֹמֵנוּ אוֹר יָהֵל,
עִם הַצּוֹרֵר יַחְלֹף תְּמוֹלֵנוּ כְּמוֹ צֵל.
אַךְ אִם, חָלִילָה, יְאַחֵר לָבוֹא הָאוֹר
כְּמוֹ סִסְמָה יְהֵא הַשִּׁיר מִדּוֹר לְדוֹר.

בִּכְתָב הַדָּם וְהָעוֹפֶרֶת הוּא נִכְתַּב,
הוּא לֹא שִׁירַת צִפּוֹר הַדְּרוֹר וְהַמֶּרְחָב,
כִּי בֵּין קִירוֹת נוֹפְלִים שָׁרוּהוּ כָּל הָעָם
יַחְדָּו שָׁרוּהוּ, וְאֶקְדּוֹחַ בְּיָדָם.

אַל־נָא תֹּאמַר אֵפוֹא: „דַרְכִּי הָאַחֲרוֹנָה
אֶת אוֹר הַיּוֹם הִסְתִּירוּ שְׁמֵי הָעֲנָנָה".
זֶה יוֹם נִכְסַפְנוּ לוֹ עוֹד יַעַל וְיָבוֹא,
וּמִצְעָדֵנוּ עוֹד יַרְעִים: אֲנַחְנוּ פֹּה!

עברית: אברהם שלונסקי

HIRSCH GLIK

NE DIS JAMAIS

Ne dis jamais : c'est mon dernier chemin,
Le ciel grisâtre enferme de bleus demains —
Viendra enfin notre heure tant attendue,
Durement notre pas sonnera : nous voici.

Des contrées vertes aux pays blancs de neige
Nous apportons notre peine, notre douleur
Chaque goutte de notre sang au sol versé
Refleurira d'audace de nos armées.

Dès l'aube le soleil dorera notre aujourd'hui
Le hier disparaîtra avec notre ennemi
Et même si l'astre se noie dans le marais
En porte-parole ces vers seront chantés !

Non pas d'une plume, mais jailli de nos fibres,
Ce chant n'est pas celui d'un oiseau libre
Car c'est le chant d'un peuple tout entier
L'arme à la main entre les murs écroulés.

Donc, ne dis plus : c'est mon dernier chemin
Même si le ciel rend gris les bleus demains —
Sûrement viendra notre heure tant attendue,
Notre pas dur chantera : nous voici !

Traduit : Irène KANFER.

NEVER SAY

Never say that there is only death for you
Though leaden skies may be concealing days of blue —
Because the hour that we have hungered for is near;
Beneath our tread the earth shall tremble : We are here !

From land of palm-tree to the far-off land of snow
We shall be coming with our torment and our woe,
And everywhere our blood has sunk into the earth
Shall our bravery, our vigor blossom forth !

We'll have the morning sun to set our day aglow,
And all our yesterdays shall vanish with the foe,
And if the time is long before the sun appears,
Then let this song go like a signal through the years.

This song was written with our blood and not with lead;
It's not a song that birds sing overhead.
It was a people, among toppling barricades,
That sang this song of ours with pistols and grenades.

So never say that there is only death for you.
Leaden skies may be concealing days of blue —
Yet the hour that we have hungered for is near;
Beneath our tread the earth shall tremble : We are here !

Translated : Aron CREMER.

זאָג נישט קיינמאָל

טעקסט : הירש גליק